STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12039

POLITISHE MEDITSIN

Yitshak Rozenboym

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק ראזענבוים

פּאָליטישע מעדיצין

לערע וועגן נשמה און ווילן

ערשטע טייל
(טעאָריע)

פארלאג א. נוס
ווארשע • • • • 1936

I. Rozenbaum • Medycyna Polityczna. Część pierwsza (teorja) Warszawa, ul. Potocka 40 m. 2.

Wydawca A. N u s s. Warszawa, Miła 5 m. 30.

odbito w druk. „Grafia" w Warszawie

אינהאלטס=פארצייכניש.

הקדמה — — — — — — — 5

פארבאמערקונג — — — — — 7

פסיכאלאגישער פארש=געביט — — — 1

וואס איז נשמה=לעבן? — — — — 14

פונקציע=פרינציפ — — — — — 15

מלוכה=ארגאניזאציע — — — — 19

קולטור און שפראך — — — — 25

קאטאסטראפירטע שריפט — — — — 36

חלום און מינדערווערטיקייט — — — 42

פארפאלגונגס מאניע — — — — 44

קאטאסטראפירטע קלאנגען — — — 49

טעאריע פון רעכט — — — — 51

ווארט און געזעץ — — — — — 55

קאטאסטראפעס און יורי — — — — 58

סימבאלן און קדושה=פראבלעם — — — 62

סימבאל און רעליגיע — — — — 64

באדייטונג פון כוונה — — — — 67

נדרים, שבועות און יורי — — — 73

הייליקע צאלן — מאכט=וויטאמינען — — 75

די אנטשטייאונג פון רעליגיע — — — 76

פראבלעם פון גוטס און שלעכטס — — 82

גלויבן, פעסימיזם און יורי — — — 84

פאטאלאגישער מצב פון דער וועלט און יורי 85

אייניקע אנווייזונגען אין קאמף פאר ווילן 89

שלום=ווארט — — — — — — 95

הקדמה

אונזער אַרבעט האָט געמוזט צוליב מאַטעריעלע סיבות פאַרקירצט ווערן. נאָר אַ קליינער טייל פון אנגזער שיטה האָט דאָ געקאָנט באַהאַנדלט ווערן. מיר האָבן ממילא אויך נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו ציטירן ליטעראַטור. מיר באַדויערן, וואָס מיר האָבן דאָ נישט געקאָנט קאָנפראָנטירן אונזער שיטה מיט די פסיכאָלאָגישע לערעס פון אַנדערע שולן. אפשר וועלן מיר אַזאַ מעגלעכקייט באַקומען.

אין אונזער אַרבעט האָבן מיר פיל אָרט געווידמעט די פראָבלעמען פון מלוכה, רעכט־טעאָריע, שפראַך און רעליגיע. דער אויפמערקזאַמער לייענער וועט זיך איבערצייגן, אַז מיר זענען געגאַנגען דעם קורצסטן וועג. אָן דידאָזיקע פראָבלעמען איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין דאָס פסיכישע לעבן פון מענטש.

אויב דער לייענער וועט אויפמערקזאַם אונז אויסהערן, וועט ער נישט קומען צו קיין מסקנא, אז מיר נעמען אויף זיך די ראָל פון מאָראַל־פרעדיקער. מיר פרעטענדירן נישט אויף דעם טיטל אויך דערפאַר, ווייל מיר באַזיצן נישט די נויטיקע קוואַליפיקאַציעס. אויף דעם זאָגט עדות אונזער סטיל. אַ גוט-דורכגעפירטער אַנאַליז פון אונזער אַרבעט, אויפן סמך פון אונזער טעאָריע (זע: קאַטאַסטראָפירטע שריפט), וואָלט אייך דער-דערקלערט דעם אמת. מיט אונזער אַרבעט זענען מיר אויסן צו העלפן די יעניקע, וועלכע — ווי מיר אַליין — זוכן אַ לעבנס-וועג. מיר האַלטן זיך באַרעכטיקט און פאַרפליכטעט

דערצו, ווייל אונזערע פאָרשונגען האָבן באַשטעטיקט אונזער לערע.

מיר האָפן, אַז איר וועט זיך נישט באַנוגענען מיט אונזער ערשטן שריט און איר וועט פיל מיטהעלפן אין דער אויפבויערישער אַרבעט. דאָס ווערק פון פּאָליטישע מעדיצין דאַרף זיין די אַרבעט פון קאָלעקטיוו. אייער מיטאַרבעט און רייכע דערפאַרונג וועט העלפן באַלויכטן פיל פּראָבלעמען. וויאַזוי? עס איז איצט נישט לייכט צו ענטפערן אויף דער פראַגע אויספירלעך. די אַרבעט פאָדערט דאָך אַ וויסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע. מען מוז האָבן אַ פּלאַן און מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. דאָס פאָדערט פאָרברייטונגען. אויב אונזער אַרבעט וועט ביי אייך אַרויסרופן אינטערעס שטעלט זיך אין בריוולעכן קאָנטאַקט מיטן מחבר.

מיר קאָנען דערווייל ליידער נישט פאַרעפנטלעכן דעם צווייטן טייל פון אונזער אַרבעט וועגן פּראַקטישער פּאָליטישער מעדיצין. כּדי אָבער צו דערמעגלעכן אָנצוהייבן דעם קאַמף פאַר אויפבוי, געבן מיר צום סוף פון אונזער אַרבעט אייניקע אָנווייזונגען. זיי פליסן אַרויס פון אונזער טעאָריע, און דאָך וואָלט נישט געווען איבעריק צו דערקלערן די מאָטיוון. ליידער האָבן מיר נישט קיין אָרט דערפאַר.

מחבר

וואַרשע, יאנואר 1936.

פאַרבאַמערקונג

חשובער לעזער!

פאַרן צושטעלן באַהאַנדלען אונזער טעאָריע, האַלטן מיר פאַר נויטיק צו מאַכן אייניקע באַמערקונגען. מיר קומען נישט בלויז מיט אַ נייער שיטה, נאָר אויך מיט נייע וועגן. די פסיכאָלאָגישע וויסנשאַפט איז נאָך אַ יונגע אין פאַרגלייך מיט אַנדערע (עקזאַקטע) וויסנשאַפטן. מען דאַרף אנאַרקענען, אַז אַזאַ וויסנשאַפט, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלזייטיק דאָס גאַנצע נשמה-לעבן פון מענטש, איז נאָך נישטאָ. עס זענען נאָר דאָ פראַגמענטן פון אַ בנין, טיילן, גלידער, אָבער נישט קיין גאַנצעס. מיט וואָס דערקלערן זיך די חבלי-לידה פון פסיכאָלאָגיע? כדי אויף דער פראַגע צו ענטפערן, וואָלטן מיר באַדאַרפן שרייבן אַ באַזונדערע אַרבעט א. ד. ט. „די פסיכאָלאָגיע פון פסיכאָלאָגן" עס וואָלט געווען זייער אַ דאַנקבאַרע אַרבעט, אָבער ס'וואָלט געשטערט אונזער אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט איצט.

מיר קאָנען אָבער זיך נישט אָפּזאָגן פון דערמאָנען איין וויכטיקן מאָטיוו, וואָס וועט אונז העלפן פאַרשטיין די נויט-לאַגע פון דער פסיכאָלאָגיע. באַטראַכטן מיר דעם מצב פון פסיכאָלאָגיע ביז פרוידן, איז שווער זיך צו באַפרייען פון איינדרוק, אַז אנשטאָט דאָס פסיכישע לעבן, האָט מען דאָרט געפאָרשט די אָפּקלאַנגען, די עכאָס זיינע. מען איז געגאַנגען הקפות אַרום דעם יחיד, צום מענטש גופא, האָט מען זיך נישט צוגערירט. מען האָט געפאָרשט פאַרשידענע נשמה-איבערלעבונגען,

אָבער נישט זייער מקור. ערשט די פרוידישע שול האָט געזוכט דעם קוואַל פון אונזערע גייסטיקע ליידן מיט אַ קלאָר געצייכנטן פּלאַן. נישט די וווּנדן זענען דאָך דער קוואַל פון יסורים, נאָר די פאַקטאָרן, וועלכע שאַפן זיי. היילט דעם קוואַל, וועט ממילא קיין מעגלעכקייט נישט זיין פאַר גרויזאַמע גייסטיקע פּלאָג. פאַרן דאָזיקן ריכטיקן צוגאַנג, האָט די פרוידישע שול פאַרדינט זיך רעספּעקט פון דער גאַנצער ליידנדיקער מענטשהייט. פרויד האָט געוויזן אַ נייעם וועג פאַר נשמה-פאָרשונג, און נישט איין פּסיכאָלאָג וועט זיך לערנען פון אים זוכן און פאָרשן.

אויך די שולן, וואָס זענען דערנאָך אַנטשטאַנען, האָבן שוין געזוכט פרוידיש די געהיימנישן פון נשמה-לעבן. אין די נייע פּסיכאָלאָגישע שולן, זענען דאָ גרויסע טיילן פון דער פרוידישער, און בעיקר דער מעטאָד פון פאָרשן אין דער טיף.

מיר האָבן אויך אין אונזער וועג באַקומען פיל הילף פון פרוידס שול, מיר האָבן אויסגעקליבן זיין וועג אָבער נישט זיין סטאַציע. ווי דער לעזער וועט זיך איבערצייגן, זענען אונזערע געדאַנקען זייער ווייט פון פרוידס. מיר האַלטן, אַז נאָר מידקייט און פאַרמאַטערטקייט האָט פאַרפירט פרוידס-שול אין טעמפּן-ווינקל פון סעקסואַליזם.

אויך די שול „מענטשווויסנשאַפט" האָט געמאַכט אַ שריט פאָראויס אויפן פאָרשונגס-געביט. איר פאַרדינסט באַשטייט, צווישן אַנדערע, אין פּראָטעסט קעגן דער איינזייטיקייט פון פרוידס שול, אין קאַמף קעגן פּרינציפּ פון סעקסואַליזם, אַלס איינציקן קוואַל פאַר מענטשלעכע איבערלעבונגען. אָבער, וואָס טויג נישט ביי פרוידן טויג אויך נישט ביי שנייאורסאָנען. הגם ער פּראָטעסטירט קעגן איינזייטיקייט, דערפירט ער אויך זיין שיטה צו אַ סטאַציע. אַזוי איז שוין די טבע פון פאָרשער און טעאָרעטיקער.

מיר זענען אויך נישט קיין אויסנאַם. מיר ווייסן, אַז דער ציל פון יעדער וויסנשאַפט איז קלאָר מאַכן דעם לעבנסוועג, אָבער מיר מיינען, אַז פּסיכאָלאָגיע שטייט נאָך אויפן גרענעץ צווישן וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע און זי טאָר נישט שטעלן קיין

סטאַציעס. זי דאַרף נאָר שאַפן אָפּרו־פּונקטן. יעדער טעאָרע־טיקער דאַרף זאָגן: ביז דאַנען איז מיין וועג, אַנדערע וועלן אים דערגענצן. מיר האַלטן דאָס פאַר אַ פליכט, ווייל אויף קיין שום געביט, איז נישט אַזוי לייכט זיך צונאַרן, ווי אויפן געביט פון פסיכאָלאָגיע. מיר מיינען, אַז אַ פסיכאָלאָג, וואָס איז צו זיין שיטה נישט געקומען פון אייגענע ליידן, איז נישט פעיק צו זיין שעפעריש אויף דעם געביט. דער גרויסער פסיכאָלאָג קומט צו זיינע אמתן דורכן יסורים־וועג. ווו איז אָבער די זיכערקייט, אַז די סטאַציע, וואָס ער שאַפט פאַר זיין ליידנס־וועג איז נוצלעך אויך פאַר אַנדערע? פאַרשטייט זיך. אַז יעדע פסיכאָלאָגישע שול פאַ״שט דערנאָך אַנדערע יחידים, און ערשט, ווען די רעזולטאַטן שטימען, נעמט זי זיי אָן פאַר ווּיסנשאַפטלעכע אמתן. דער וועג איז אָבער נישט קיין גלאַטיקער, מען זעט די וועלט מיט אייגענע אויגן. די אָביעקטיוויטעט פון פסיכאָלאָג איז זייער שווער פעסטצושטעלן. שוין דעריבער מוז זיך יעדער מיט גרויס פאָרזיכטיקייט באַציען צו די פסיכאָלאָגישע שולן. וואָס טיפער אַן עקספּעדיציע לאָזט זיך אין אומבאַקאַנטע מקומות אַלץ מער שאַנסן האָט זי נייעס צו שאַפן, אָבער אויך טעותים.

די הויפּט־סיבה פון מיסערפאָלג פון אַלע פסיכאָלאָגישע שולן, איז דאָס אָרו״סרייסן דעם מענטש פון לעבן און פאָרשן אים אָפּגעטיילט פון אַלזיין. פאַרשטיין דאָס לעבן פון בוים, קאָן מען, נאָר, ווען מען פאָרשט דאָס לעבן אין וואַלד. אויך דאָס איז ווייניק. מען מוז פאָרשן דעם ווייטן און נאָענטן אַרום. אַלע פאַקטאָרן, וועלכע באַאיינפלוסן דאָס לעבן פון וואַלד מוזן גענומען ווערן אין אַכט. אַלע אָן אויסנאַם שולן, האָבן אָבער געפאָרשט דעם מענטש נישט אַלס טייל פון וועלט אין ברייטסטן זין פון וואָרט. די רעזולטאַטן האָבן דעריבער געמוזט זיין נישטיקע.

אונזער אַרבעט באַשטייט פון צוויי טיילן: טעאָרעטישע און פּראַקטישע. אין דער ערשטער טייל וועלן מיר אייך באַקענען מיט אונזער אַלגעמיינער שיטה פון נשמה־לעבן, און אין

צווייטן טייל וועלן מיר אָנווייזן פּראַקטישע מיטלען פאַר סאַנירן דאָס קראַנקע נשמה־לעבן.

אונזער אַרבעט דאַרף אָבער פון לעזער אויך געטיילט ווערן אויף אַנדערע צוויי טיילן: פילאָזאָפישן און עקספּערימענטאַלן. אונזערע פילאָזאָפישע אידעען, וועלכע מיר גיבן כדי צו באַלייכטן די באַרירטע פראַגן, דאַרפן ווערן אָנגענומען אַלס נויט־טעזן און נאָר אויף דער צייט פון איבערלייענען דאָס בוך. אויב די באַרירטע פּראָבלעמען וועלן באַשטעטיקן אונזער פילאָזאָפישן יסוד וועגן מהות פון וועלט און לעבן, דאַרף מען זיי פּאָזיטיוו אַנאַליזירן, און ערשט נאָך אַן אַלזייטיקער אונטערזוכונג אָננעמען פאַר אמתן.

אונזער שיטה באַשטייט פון אַ רייע שיטות געשלאָסן אין איינע. מען קאָן זיין אַ קעגנער פון אונזער גענעראַליזירונג און אָננעמען נאָר אירע טיילן, הגם, לויט אונזער מיינונג, זענען זיי איין גאַנצעס, און איין טייל העלפט פאַרשטיין דעם צווייטן.

אין די ערטער, ווו מיר דרוקן אויס אונזער אומזיכערקייט, דאַרף דער לעזער נעמען עס ווערטלעך, און נישט פאַרשטיין אַלס באַשיידנהייט. דער וייער פאָזיטיקער לעזער וועט זוכן דעם היפך פון דער מידה ביי אַ טעאָרעטיקער.

אויב מיר זענען זיך נישט טועה, האָבן מיר אין אונזער טעאָריע, צווישן אַנדערע פראָבלעמען, דערקלערט דעם מהות און אַנטשטייאונג פון רעליגיעס מיט אַזאַ מעטאָד, וואָס גיט די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן עס דורך עקספּערימענטן.

אונזער טעאָריע וועגן נדרים און יורי דאַרף אַרויסרופן אינטערעס ביי יעדן אינטעליגענטן מענטש. אונזער לערע וויאַזוי צוקומען צו מאַכט, צו ווילנסקראַפט דאַרף שאַפן נייע וועגן אין דער פּעדאַגאָגיק. אונזער שיטה האָט אויך אַ נייעם — און מיר מיינען — קלאָרן וועג פאַרן פּאָליטישן לעבן.

זענען מיר נישט אין אַ טעות? אייער מיטהילף ביים באַקומען אַ תשובה אויף דער פראַגע דערוואַרטן מיר.

פסיכאלאגישער פארשגעבּיט.

ווי יעדע וויסנשאפט פארנעמט זיך נאָר מיט פאָרשן איין טייל פון גאנצן, אזוי ווען מיר פאָרשן אין מענטש נאָר איין געביט — זיינע נשמה־איבערלעבונגען און זייער מקור. געאָמעט־ריע, למשל, פאָרשט נאָר רוים־איינשאפטן פון קערפער, אלע אנדערע זענען פאר איר גלייכגילטיק. מיר פאראינטערעסירן זיך אויך מיט איין געביט — מיטן פסיכישן לעבן פון מענטש. דאָס לעבן פון יחיד איז אָבער ענג פארבונדן מיטן לעבן פון דער געזעלשאפט, מיטן ארום. דאָס לעבן פון דער מענטשהייט ווערט געשטאלטיקט פון די נאטור כוחות, אזוי גוט ווי דער מענטש ענדערט ווייטער די פאָרמען פון דעם נאטור־לעבן. יעדער טאט אונזערער איז געקייטלט מיט געשעענישן אין אלוועלט. כדי איך זאָל שמייכלען, דארף איך זיין אין א גוטער שטימונג, מיין גוטע שטימונג קאָן זיין אָפּהענגיק פון דעם, צי די זון שיינט קלאָר. דאָס לעצטע איז ווייטער אָפּהענגיק פון אטמאָספערישע באדינגונגען, פארבונדן מיט איינפלוסן, וואָס זייער שורש, זייערע ווייטערע סיבות זענען אין פלאנעטאר־סיסטעם א. א. וו. מיר זעען אלזאָ, אז יעדע האנדלונג אין אלוועלט איז געקייטלט מיט אנדערע, און ממילא דארף מען קאָנען אנערקענען דעם אלזיין פאר איין גאנץ אָרגאניזירט וועזן.

ווייל אין אלזיין קומט פאָר א קאמף פאר מאכט צווישן די באשטאנד־טיילן, האלטן מיר, אז דער אלזיין איז א פּאָליטיש אָרגאניזירטער איינס. ווען מיר

באַטראַכטן דעם מהות פון לעבן קאָנען מיר נישט געפונען קיין אַנדערן באַגריף דערפאַר, ווי אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע. ווען מיר וועלן פאַרשטיין אַ לעבעדיקן מענטש אַלט אַן אָרגאַניזם, וואָס האָט 2 פיס, 2 הענט, 2 אויערן, 2 אויגן, האָר אויפן קאָפּ א.א.וו. וועט עס זיין אַן אַבסורד. ווען מען נעמט צו דורך אַן אָפּעראַציע אַ מענטש די הענט, פיס א.א.וו. בלייבט ער אַלץ לעבן. דאַקעגן ווען די אָרגאַניזירטע טעטיקייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ גליד, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, זאָגן מיר ריכטיק, אַז די האַנט איז טויט. ווען די אָרגאַניזירטע טעטיקייט שטעלט זיך אָפּ אין גאַנצן אָרגאַניזם, זאָגן מיר, אַז דער מענטש איז טויט. אָרגאַניזאַציע און לעבן איז דעריבער איינס און דאָס זעלבע. דאָס דערלויבט אונז צו מאַכן אייניקע ת נ א י־הנחות און פאָרנאָטירן די פאָלגן זייערע.

דער אַלזיין איז אַ לעבעדיקער פּאָליטיש־אָרגאַניזירטער אָרגאַניזם. די טיילן — זענען זיינע גלידער. אויך די טיילן זענען לעבעדיקע פּאָליטיש־אָרגאַניזירטע אָרגאַניזמען, נאָר אויטאָנאָמישע לגבי דעם אַלזיין. די סובטיילן ווערן אויך רעגולירט פון די זעלבע געזעצן.

פ אָ ל ג ן

פון געזאָגטן דרינגט אַרויס: די מענטשהייט איז אַ גליד אין אַלזיין־אָרגאַניזם, און אַליין אויך אַ פּאָליטיש־אָרגאַניזירטע איינס (אויטאָנאָמיש לגבי דער פאָרמאַציע אין וועלכער זי איז אַ קעמערל). דער יחיד איז אַ גליד אין אָרגאַניזם פון כלל־מענטש און איז אויך אַן אָרגאַניזם א י ן וועלכן עס לעבט אַ פּאָליטיש אָרגאַנזירטער קאָלעקטיוו. סיי דאָס לעבן פון יחיד, סיי פון כלל, און סיי פון אַלזיין ווערט רעגולירט פון די זעלבע געזעצן.

חשובע צווייפלער וועלן מיר בעטן נעמען אין אַכט: 1) אַז דאָס זענען נור ת נ א י־ה נ ח ו ת, אָדער קרעדיט־הנחות, קורצטערמיניקע—ביזן ענדיקן דאָס בוך און קאָנטראָלירן אונזערע

ווייטערדיקע באַווייזן. 2) וויאַזוי איז מעגלעך דעם פּרינציפּ לגבי דעם מענטשן נישט אָנצונעמען, ווען מיר פֿאַרשטייען לאָגיש אַז די זייער פֿאַרצווייגטע אָרגאַניזיר־טעטיקייט אין מענטש מוז האַרמאָניזירן אין זיך, אַז אין מענטש מוזן ממילא פֿאָרקומען קאַמפֿן פֿאַר העכערע פֿונקציעס, פֿאַר מער מאַכט. די האַנט־פֿונקציע איז דאָך אַ נידעריקע אין פֿאַרגלייך מיטן אויג. ווען אַ מענטשס אויג איז באַדראָט, כאַפּט ער און פֿאַרשטעלט עס מיט דער האַנט. אויב אַזוי, איז דאָס לעבן פֿון דער האַנט מער איינגעשטעלט און ווייניקער ווערט אין אָרגאַניזם לגבי מוח, אָדער אויג־פֿונקציע. זאָגט אונז נישט דער שכל, אַז אינעם אָרגאַניזם קומט פֿאָר אַן אייביקער קאַמף פֿאַר איבערגיין פֿון נידעריקערע פֿונקציעס אין העכערע? אויב יאָ, ווי רופֿט מען דאָס, אויב נישט פּאָליטישער קאַמף?

אָבער פֿון וואַנען ווייסן מיר, אַז די זעלבע געזעצן, וואָס רעגולירן דאָס לעבן פֿון אַלזיין, פֿון דער מענטשהייט אַלס גאַנצע, פֿון יחיד, זענען די זעלבע? אפשר איז די וועלט רייך אין קאָרעקסן, און האָט פֿאַר די באַזונדערע טיילן גאַנץ פֿאַרשידענע?

קלאָר ווערט עס, ווען מיר וועלן פֿאַרשטיין דאָס ווייטערדיקע. פֿאַר פּאָליטישער מעדיצין עקזיסטירט נישט קיין קערפּערלעך וועזן, די רוים־אייגנשאַפֿטן פֿון אָרגאַניזם זענען פֿאַר אונז גאַנץ גלייכגילטיק. ווען מיר רעדן פֿון מענטש מיינען מיר די אָרגאַניזאַציע פֿון מענטש, ווען מיר רעדן וועגן אַנדערע אָרגאַניזמען (אַלזיין, מענטשהייט, מלוכה, פּאַרטיי) מיינען מיר נישט זייער געשטאַלט, אָדער פֿיזישע אייגנשאַפֿטן. אין אַלע וועזנס פֿאָרשן מיר נאָר איין אייגנשאַפֿט — דעם אָרגאַניזיר־עלעמענט. שטעלט אייך פֿאָר, אַז איר וואַרפֿט אַריין אַ דעקאָ זאַלץ אין ים, איין דעקאָ אין טייך, און איין דעקאָ אין אַ גלאָז וואַסער. אויב פֿאַרן אַריינוואַרפֿן וואָלט דאָרטן קיין זאַלץ נישט געווען, וויפֿל זאַלץ איז דאָ אין יעדן פֿאַל? צי ווייל דער ים איז גרויס, פֿאַרמאָגט ער איצט מער זאַלץ? דאָס זעלבע פֿריער. אָרגאַניזאַציע איז נישט אָפּהענגיק פֿון איר גרויס, נאָר פֿון די פֿאַרהעלטנישן צווישן אירע טיילן. אין

אַ קלײנשטעטלדיקער אָרגאַניזאַציע קומען פֿאַר די זעלבע קאַמפֿן פֿאַר מאַכט, ווי אין די צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס. דאָס וועט יעדער לײַכט פֿעסטשטעלן, ווען ער וועט פֿאַרגלײַכן אַלע באַגלײטס-פּראָצעסן פֿון פּאָליטישן לעבן. אויב אַזוי, קאָן מען שוין נישט מאַכן קײן אונטערשיד צווישן קלײנע און גרויסע אָרגאַניזמען. אויך דער כאַראַקטער פֿון דער אָרגאַניזאַציע האָט דאָ קײן שום באַדײַטונג. אין פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַרײן, ספּאָרט-אָרגאַניזאַציע, אין קהילה, פּאַרלאַמענט, און אין אַלע לענדער, בײַ אַלע רעזשימען וועלן די אָרגאַניזיר-פּראָצעסן זײַן די זעלבע.

מיר וועלן אָבער סײַווי נוציקן זיך נאָך אין אַ קרעדיט-פּרינציפּ. וועלן מיר זיך אים אויסבאָרגן בײַ אײַך איצט, און שטיצן דערמיט די פֿריערדיקע. מיר האַלטן, אַז אין גאַנצן אַלזײַן הערשט אַ שטרענג-עקאָנאָמישער סדר, וואָס רעגולירט אַלץ און אויך אונזער דענקען. געזעצן באַזונדערע פֿאַרן מענטש און פֿאַרן אַלזײַן וואָלטן געווען נישט עקאָנאָמיש.

וואָס איז נשמה-לעבן?

יעדער פֿון אונז קאָן גאַנץ לײַכט אַדורכפֿירן אַן אונטערזוכונג אין זײַן נשמה-לעבן און אין געזעלשאַפֿטלעך-פּאָליטישן, אַנאַליזירן פֿיל פּראָצעסן, וואָס קומען פֿאַר אין אונז און אין דער געזעלשאַפֿט. וואָס וועט זיך אַרויסווײַזן? סײַ אין דער געזעלשאַפֿט, סײַ אין יחיד, האָבן אַלע געשעענישן און פּראָצעסן אײן לײטמאָטיוו: קאַמף פֿאַר מאַכט. אויב אַזוי, זענען דאָך בײדע אײנע און דאָס זעלבע. פֿון דעם מאַכן מיר אַזאַ אויספֿיר:

דאָס, וואָס מיר רופֿן נשמה-לעבן איז דער אינערפּאָליטישער קאַמף פֿון יחיד, דאָס, וואָס מיר רופֿן פּאָליטיש לעבן איז דאָס נשמה-לעבן פֿון כּלל-מענטש.

י ע ד ע ס אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט װ ע ז ן ה אָ ט אַ לױ אַ נ ש מ ה (װײַל ס׳האָט פּאָליטישן קאַמף). ממילא, כּדי צו פאַר־שטײן דאָס נשמה־לעבן פון יחיד, דאַרף מען פאָרשן די געזעצן פון פּאָליטישן לעבן, און פאַרקערט, דאָס פּאָליטישע לעבן קאָן באַרײַכערט װערן, װען מיר װעלן עס רעגולירן פּלאַנמעסיקער לױט נשמה־װיסנשאַפט.

פונקציע־פּרינציפּ

אויב מיר באַטראַכטן דעם כּלל־מענטש אַלס ארגאניזם, דאַרף ער דאָך האָבן אַלע סימנים פון אַ ל ע ב ע ד י ק װעזן! דאָס איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. ערשטנס, װאָס באַדײַט „אַלע"? פאַרשטײט זיך, אַז דער פרעגער מײנט דאָ „די סימנים, װאָס ער האָט". דאָס איז דעריבער נישט ריכטיק, װײַל אויך זײַן לײַבלעכער ברודער האָט זײ נישט אַ ל ע, און ער אַלײן ענדערט אויך פיל סימנים במשך זײַן לעבן, דאָך װעט ער נישט דערלויבן אָװעקצונעמען בײַ זיך דעם טיטול „לעבעדיק װעזן". איצט דאַרפן מיר נאָר זאָגן, אַז אין אָרגאַניזמען דאַרפן זיך געפינען געמײנזאַמע אײגנשאַפטן. װאָס מער אַן אָרגאַניזם איז אַנטװיקלט. אַלץ מער אײגנשאַפטן באַקומט ער. מיט דער צײַט באַקומט ער מער פונקציעס פאַרן אָרגאַניזם.

באַטראַכטן מיר נענטער אַ קאָלעקטיװן קערפּער, זעען מיר, אַז יעדער יחיד פון דער געזעלשאַפט פאַרמאָגט אַזעלכע אײגנ־שאַפטן אָרגאַניזאַציאָנעלע, װאָס דערמאָנען אין פונקציעס פון אַ מענטשלעכן אָרגאַניזם. דער אויסדרוק „קאָפּ פון דער מלוכה" פאַרן פרעזידענט, איז נישט קײן מליצה־אויסדרוק. אין דער אָרגאַניזאַציע הערט דער יחיד אויף צו זײַן, װאָס ער איז פאַר זיך. פאַרן קאָלעקטיװ עקזיסטירט נישט דער פּרעזעס אַלס טאַטע, פעטער, שכן, לערער, דאָקטאָר. דער פּרעזעס פון אַן אָרגאַניזאַ־ציע פירט אויס מוח־פונקציעס אין קאָלעקטיװן אָרגאַניזם. װען אַ פליִער פירט אַן אויספלוג, און זײַן אויפגאַבע באַשטײט נור אַכטונג צו געבן ד. ה., אַז בײַם אַריבערגײן איבער גאַסן זאָל די גאַס זײַן רײן פון אויטאָס, איז ער פאַרן אויספלוג נור אַן

אויג. ווען אים זאָל אַ צאָן ווי טון, וועט דער אויספלוג דירעקט נישט ליידן, ווען אָבער דאָס אויג זיינס זאָל שלעכט זען, וועט די שלעכטע פאָלגן טיילן דער גאַנצער קאָלעקטיווער קערפּער, ווייל ער איז דאָס אויג פון אָרגאַניזם.

ווען איר וועט באַטראַכטן באַגלייט־פּראָצעסן פון אַזאַ פונקציע וועט אייך קלאָר ווערן, וויאַזוי עס אַנטשטייט אַן אָרגאַן אין אָרגאַניזם פון מענטש און פון דער געזעלשאַפט.

ערשטנס, פאַרוואָס ווערן אָרגאַניזירט געזעלשאַפטן? לאָמיר באַטראַכטן דאָס אָרגאַניזירן אַן אויספלוג. איר האָט אפשר באַמערקט אַדורכגיין איבער דער גאַס אַ מחנה קינדער פון אַ חדר מיט אַ נישט לייטישן באַהעלפער — און אַ גוט אָרגאַניזירטן אויספלוג. אין ערשטן פאַל, וועט ביים אַריבערגיין זיין אַ בהלה, טייל בלייבן רעכטס, טייל אין מיטן, טייל לינקס, דאָס געשעט אויך אַמאָל מיט דערוואַקסענע. וואָס איז די סיבה, וואָס טייל גייען גוט אַריבער, אין אַ סדר, און טייל נישט?

לאָמיר ענטפערן אויף דער ערשטער פראַגע. אָרגאַניזמען און אָרגאַנען אַנטשטייען צוליב עקאָנאָמיע. ווען צען מענטשן וועלן דאַרפן אויספירן איין פונקציע, וועט פון די צען ווערן איין אָרגאַניזם, ווייל עס איז עקאָנאָמישער, אַז איינער זאָל טון די פונקציע פאַר אַלע. כדי אַ יחיד זאָל אָבער אַוועקגעבן אַ פונקציע דעם כלל־אָרגאַניזם מוז ער האָבן צוטרוי. ווען אַ נערוועזישער גייט אין אויספלוג, טרויט ער נישט די פונקציע פון אויג אַן אַנדערן (אָפט זיך אַליין נישט), און דעריבער שליסט ער זיך אויס פון קאָלעקטיוו. זיין נערוועזישקייט טיילט זיך אָפּ דעם קאָלעקטיוו, און די פונקציעס קאָנען נישט אויסגעפירט ווערן. אויף אַזאַ קאָלעקטיוון אָרגאַניזם זאָגן מיר, אַז ער איז נערוועזיש.

פון דעם זעען מיר, אַז:

אין אָרגאַניזם איז דער יחיד נור דאָס, וואָס עס מאַכט אים זיין פונקציע. פאַר זיך איז ער כלל־טוער, פאַרן ווירט — לאָקאַטאָר, פאַרן ביבליאָטעקאַר — לעזער, פאַר דער פרוי — אַ מאַן, און פאַר דער טאָכטער — אַ פאָטער. אין אָרגאַניזם פון דער מלוכה איז

ער אָבער נור דאָס, וואָס עס מאַכט אים די פונקציע. אויב ער האָט אַ זע־פונקציע, איז ער אַן אויג, אַ הער־פונקציע — אַן אויער. דער קאָלעקטיווער אָרגאַניזם האָט נאָר איין זע־פונקציע אָבער פול זע־פונקציאָנאַרן. די זעלבע פונקציע קאָן אויסגעפירט ווערן פון פיל יחידים, אַזוי ווי די זע־פונקציעס אין מענטש ווערט אויך באַדינט פון פיל קעמערלעך. דערביי וואָס מער קאָמפּליצירט די זע־פונקציע איז, אַלץ מער וועט זי זיך טיילן אין פאַרשידענע מינים זען. יעדע גרופּע פון דער פונקציע טיילט זיך אין סוב־גרופּן א. א. וו.

מיר האָבן אָבער געזען, אַז אַ נערוועזישער יחיד פאַרלאָזט זיך נישט אויפן פירער פון אויספלוג, און קוקט אַליין צי מען קאָן אַריבערגיין. ווען אַ טייל אויספלוג־אָנטיילנעמער האָבן נישט קיין צוטרוי, וועלן זיי אויך נישט אָנוועקגעבן זייער פונקציע. זיי וועלן גיין אין אויספלוג, אָבער פירן וועלן זיי זיך נישט לאָזן. וואָס לערנט אונז דאָס? אַז אַן אָרגאַן ווערט אין אָרגאַניזם געבוירן ווען עס איז דאָ אַ מויז. ווי נאָר אָבער די פונקציע ווערט נישט ריכטיק אויסגעפירט, ווערט זי צוגענומען, ווי אין דער געזעלשאַפט, אַזוי אין אָרגאַניזם; ווערט יעדער פונקציע־טרעגער געשפייזט אין אָרגאַניזם לויטן ווערט פון דער פונקציע. וויכטיקערע פאַרן אָרגאַניזם פונקציע־אויספירער ווערן בעסער באַדינט, ווי נישט וויכטיקערע. ווען עס קומט אַ קריזיס, נויט, אומגליק, פאַרפאַל אין אָרגאַניזם, אויב ער איז נישט גענצליך דעגענערירט, שפייזט ער, קודם־כל די וויכטיקערע פונקציעס, ער דערנערט זיי בעסער אויפן חשבון פון די איינפאַכע פונקציעס, וועמענס איבערייס שטעלט נישט אין געפאַר דעם אָרגאַניזם. דעריבער איז פאַרשטענדלעך דער קאַמף אין אָרגאַניזם איבערצוגיין פון „שוואַרץ־אַרבעט" צו מער קאָמפּליצירטע, און דאָס איז פּאָליטישער קאַמף.

וואָס לערנט אונז דער פונקציע־פּרינציפּ?

אַז מען מוז אונטערשיידן אַ טאַט פון אַ לאָקאַלן באַגריף. האַנט און אָרגאַניזיר־טעטיקייט איז טויט, איז פלייש מיט ביינער. פאַר פּאָליטישע מעריצין איז די אָרגאַניזאַציע פון דער

האַנט א האַנט, דעריבּער איז נישט וויכטיק, וואָס דער כּלל-מענטש אָרגאַניזם (מענטשהייט) האָט נישט דעם געשטאַלט פון אויגן, הענט, פוס, נאָר וויכטיק איז, אַז ער האָט פונקציעס זעען, אַרבּעטן, גיין א. א. וו. אָבער דאָס איז אויך נישט נויטיק כּדי צו זיין א לעבּעדיקער אָרגאַניזם. ווען א מענטש פאַרלירט די פיס איז ער דאָך ווייטער מענטש:

אָרגאַניזם געפינט זיך אין אַנטוויקלונג. דאָס שאַפן פון מענטש האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. מיר האַלטן, אַז דאָס וואָס דער מענטשהייט איז מיט טויזנטער יאָרן צוריק אַזויפיל בּאַגריפן הייגטיקע געווען פרעמד, איז טאַקע א רעזולטאַט פון די ענדע-רונגען, וואָס קומען א י י ב י ק אין אונז פאָר, עס קומען אונז צו נ י י ע פונקציעס. מיר בּאַמערקן, אַז אָרגאַניזמען נעמען איבּער וואָס מער פונקציעס פון יחיד. אַלס מוסטער קאָן דינען דער ראַטן-פאַרבּאַנד, ווו די מלוכה-אָרגאַניזאַציע האָט פיל קאָמפּליציר-טערע ווי די קאַפּיטאַליסטישע. צי דערפאַר וועלן מיר זאָגן, אַז די סאָוויעטישע מלוכה-אָרגאַניזאַציע פאַרדינט אויפן נאָמען מלוכה, און דאָס קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקע נישט? דאָס וואָלט געווען אַן אבּסורד. דעריבּער שליסן מיר: די צאָל פונקציעס פון אָרגאַניזם וואַקסט דאַן, ווען די טיילן: 1) האָבּן צוטרוי, 2) אנער-קענען, אַז די פונקציע פון דעם אָרגאַניזם וועט זיין עקאָנאָ-מישע. אָבּער די צאָל פונקציעס ענדערן נישט דעם עצם וועזן פון אָרגאַניזם. סיי בּיי א גרויסע צאָל, סיי בּיי א קליינע צאָל פונקציעס, וועלן אין אָרגאַניזם פאָרקומען פּאָליטישע קאַמפן.

חשובע צווייפלער, בּעטן מיר זיך פאָרשטעלן א דיסקוסיע פון צוויי בּאַקטעריעס אין א טראָפּן בּלוט. איינע טענהט צו דער צווייטער, אַז זייער אַלוועלט (דער מענטש איז דאָך אַלוועלט פאַר זיי) איז אַ פּאָליטישער אָרגאַניזם. זייער לעבּן איז דעריבּער אָפּהענגיק פון דעם, צי די רעאַקציע וועט בּאַזיגן די פּאָלקס-מאַסן (ווייל נאָר דאַן וועלן זיי זיך קאָנען פרוכפּערן אין דלות). די צווייטע לייקנט נאַטירלעך דידאָזיקע „זינלאָזיקייט”.

מען דאַרף קאָנען אַרויסקוקן פון דער וועלט, וואָס הילט אונז איין, אַזוי גוט, ווי מיר הילן איין די בּאַקטעריע.

עס איז אפשר נישט באַקוועם צו זעען, אַז אונזער גורל איז אָפּהענגיק פון לעבן אין אַלזיין, פון קראַנקהייט און געזונט פון אַלוועלט און פאַרקערט, מיר זענען ווייטער משפיע אויף דער וועלט מיט אונזערע מעשים. מיר קאָנען אָבער גאָרנישט ענדערן.

מלוכה־אָרגאַניזאַציע.

חשובע לעזער!

פון אונזער שטעלונג איז קלאָר, אַז די נשמה־פּראָצעסן זענען די זעלבע, וואָס די פּאָליטישע פּראָצעסן פון דער געזעל־שאַפט. איצט איז לייכט צו פאַרשטיין אַלץ, וואָס קומט אין אונז פאָר. מען דאַרף נאָר אויסגעפינען זייער אַנאַלאָגיע אין פּאָליטישן לעבן, פאַרשטיין די מאָטיוון פון פּאָליטישע געשעענישן און האַנדלונגען, און דאַן וועט לייכט זיין צו לעזן די נשמה־פּראָבלעמען.

פון אונזער שיטה דרינגט אַרויס, אַז דער מענטש האָט אַ טאָפּלט באַוווסטזיין: פון זיין אינער־פּאָליטיש לעבן און פון זיין אויסער־פּאָליטיש לעבן. יעדע האַנדלונג פון מענטש ענדערט זיין מצב, רופט אַרויס רעאַקציעס. איז זיין טאַט אין הסכם מיט די אינטערעסן פון אָרגאַניזם, אין וועלכן ער איז אַ גליד (קלאַס, פאָלק, מלוכה), וועט די רעאַקציע זיין אַ פּאָזיטיווע, אין קעגנפאַל — אַ נעגאַטיווע. אזוי ווי דאָס לעבן פון יחיד איז שטענדיק אָפּ־העגגיק פון כלל־אָרגאַניזם, וואַכט דער קאָלעקטיוו, וואָס לעבט אין מענטש איבער די מעשים פון יחיד. יעדע געשעעניש, וואָס באַאיינפלוסט פון דרויסן, ענדערט די פּאָליטישע סיטואַציע פון אַ מענטש.

אום פאַרלייכטערן זיך, וועלן מיר פון איצט אָן רופן די וועלט אין יחיד סובקאָלעקטיוו.

וואָס וויל דער סובקאָלעקטיוו? פאַרשטענדלעך האַרמאָניזירן מיטן קאָלעקטיוו (געזעלשאַפט, אין וועלכער דער מענטש לעבט), ווייל נאָר דאַן איז זיין קיום געזיכערט. צווישן דיביידע לעבנס

מוזן זיין פּאַראַלעלע ליניעס. ווי נאָר די ליניעס ווערן אויסגע־קרומט, הייבט דער מענטש אָן גייסטיק (אינער פּאָליטיש) צו ליידן. פאַרוואָס ווערן זיי אויסגעקרומט? דאָ קומט אונז צו הילף דאָס קענען גוט פּאָליטישע פּראָצעסן. אמלייכסטן וועלן מיר עס פארשטיין פון מלוכה־לעבן.

א באמערקונג. פארן צוטרעטן באהאנדלען מלוכה־פּראָבלע־מען, דערמאָנען מיר, אז אזוי גוט, ווי דאָס לעבן אין איין מלוכה איז אָפּט אָפּהענגיק פון די אנדערע מלוכות. יענע, ווייטער, פון אנדערע פאַקטאָרן, און דער גאנצער מענטשהייט־אָר־גאַניזם, אלס גליד אין אלזיין־אָרגאַניזם, ווערט באאיינפלוסט פון ווייטערדיקע געשעענישן, קאָן דעריבער זיין, אז די ליידן פון יחיד זענען אָפּט עכאָס פון גאנץ ווייטע געשעענישן אין אלזיין (וועלכער איז דאָך א לעבעדיקער קערפּער). עס איז נישט אזוי אומגלויבלעך. פון איין אומפּאַרזיכטיקן טאָט קומט אום א מענטש אונטערן צוג און דער סובקאָלעקטיוו אין יחיד, וואָס פאלט א קרבן פון דאָזיקן שריט, גיט זיך אויך נישט אָפּ קיין חשבון, אז זייער ווייטע סיבות האָבן געפירט צו דער קאַטאַ־סטראָפע.

ווען מיר זיצן רויק איצט, ווייסן מיר נישט, וואָס פארא וועלט־געשעענישן ווערן געגרייט אין די דיפּלאָמאטישע קאבינעטן. איר קאָנט זיך אויפהייבן און זיך דערוויסן, אז איר זענט א א זעלנער אויפן יאַפּאַנישן פראָנט, פּאָזיציע A, רייע C. איר וועט אפילו קיין וואָרט נישט קאָנען זאָגן קעגן דעם. ווי מיר וועלן ווייטער זעען, קייטלט זיך אלץ אין דער וועלט. אָבער דער פאקט, אז מיט אייך קאָן דיספּאָנירן דער און יענער מיניסטער, ד. ה., אז דער גורל פון אייער לעבן איז אָפּהענגיק פון ווייטע כּוחות, איז דאָך קלאָר. דעריבער מיינט איר, אז נישט אלע מאָל זענט איר שולדיק אין אייער אומרו, אין דער צעשטערטער לעבנס־ליניע. און דאָך, שאפט קיינער נישט אייער גורל, ווי נאָר איר אַליין. מיר וועלן עס פארשטיין ערשט דאַן, ווען מיר וועלן וויסן וועך רעגירט אין א מלוכה.

מאַכט-פּראָבלעם.

פיל מענטשן פארשטייען שלעכט דאָס מאכט-פּראָבלעם. זיי מיינען, אַז א רעגירונג האָט קראפט אייגענע, און אז דער מי-ניסטאָרן-קאַבינעט פירט אָן מיט דער מלוכה. דאָס איז לחלוטין א טעות. א באנק-דירעקטאָר דארף נישט זיין קיין קאַפּיטאליסט, נאָר א גוטער פינאנסיסט און אַדמיניסטראַטאָר. א רעגירונג האָט נישט קיין מאַכט. זי דיספּאָנירט נור מיט דער מאכט פון די מיליאָנען בירגער, וועלכע האלטן איר פאר זייער רעגירונג. אזוי גוט ווי איר וואָלט קיינמאָל זיך נישט פארענטפערט, אז איר זענט נישט שולדיק, וואָס אייער האַנט האָט צעבראָכן דאָס גלאָז, ווייל די האנט קאָן דאָך אָן אייך גאָרנישט טון, אזוי קאָן די רעגירונג גאָרנישט טון קעגן דעם ווילן פון די כוחות, וואָס האָבן איר געשיקט. די מערהייט כוחות אין אָרגאַ-ניזם הערשן מיט דער רעגירונגס הענט. פארוואָס שארט איר צו זיך די שטיינדלעך מיט א לאַנג אייזן? ווייל מיט די הענט קאָנט איר נישט דערגרייכן. צי דערפאר, ווייל איר וועט מיטן אייזן אויסהאקן א שויב, וועט זיין נישט איר דער שולדיקער, נאָר דאָס אייזנדל? אלזאָ ניין! דאן איז קלאָר, אז דאָס אייזנדל איז נור א געווער אין אייערע הענט. אזוי איז די רעגירונג א גע-ווער אין די הענט פון די כוחות, וואָס באפעלן צו רעגירן. טוט אָבער די רעגירונג א שריט קעגן דעם ווילן פון די הערשנדיקע כוחות אין אָרגאַניזם, פארמשפּט זי זיך צום טויט, זי פארלירט די מאכט.

וואָס לערנט אונז דאָס?

1) „איך” אין מענטש איז נישט קיין סטאַבילער כוח, ווייל פּאָליטישע כוחות טוישן זיך.

2) די פּאָליטישע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפט באַ-איינפלוסן דעם פּאָליטישן מצב אין יחיד און פארקערט, די געזעלשאפט קאָן אויך געשטאַלטיקט ווערן דורך דעם פּאָליטישן איבערגעשטאַלטן זיך פון יחיד.

3) יעדער יחיד איז פאראנטוואָרטלעך פאר די מעשים פון

דער רעגירונג (= „איך" פון אָרגאַניזם), ווייל אויב ער איז נישט אין אָפּאָזיציע הערשט ער דאָך מיט די רעגירונגס הענט.

4) דורך שטאַרקן זיך, שטאַרקט מען דעם געזעלשאַפט־לעכן אָרגאַניזם, ווייל מען פאַרגרעסערט די מאַכט פון דער רע־גירונג (אָדער פון „איך").

5) סיי דער יחיד, סיי דער כּלל־אָרגאַניזם שיצן זיך קעגנ־זייטיק קעגן דעגענעראַציע, ווייל דער נעגאַטיוו פון איינעם איז גורם שלעכטס דעם צווייטן.

6) דער יחיד האָט דורך זיינע האַנדלונגען אַן איינפלוס אויף די מעשים פון דער אַלזיין־מאַכט (דער אַלוועלט איז דאָך א לעבעדיקער פּאָליטיש־אָרגאַניזירטער איינס, און ממילא מוז ער דאָך צוליבן עקאָנאָמיע־פּרינציפּ האָבן א מאַכט פון זיך, איבער זיך). די בידעריקע פאָרמאַציעס ווירקן אַלס טיילן פון גרעסערע אויף דער געשטאַלטונג פון גאַנצן אַלזיין־קערפּער.

וויאַזוי קאָנען כּוחות קומען צו דער מאַכט אין אָרגאַניזם?

אויף דעם איז לייכט צו ענטפערן, ווען מען לערנט דאָס פּאָליטישע לעבן. וואָס זעען מיר? סיי מאַכט־דערגרייכונג, סיי מאַכט־פאַרלוסט איז אַ רעזולטאַט פון גוטע אָדער שלעכטע מעשים. שטאַרקן זיך א גרופּע יחידים און סאַנירן זייער אינער לעבן, ווערן זיי ראוי צו זיין דער הערשנדיקער כּוח. דעגענע־נערירן זיי, וועלן זיי צו קיין מאַכט נישט צוקומען, און אויב זיי באַזיצן איר, וועלן זיי איר פאַרלירן.

דאָ מוזן מיר נאָך דערקלערן וואָס הייסט דאָס א שטאַרקע רעגירונג. געוויינלעך ווערט פאַרשפּרייט אַ פאַלשער געדאַנק, אַז א שטאַרקע רעגירונג הייסט א שטאַרקע מלוכה. מען דאַרף אָבער זאָגן אַנדערש. יעדע שטאַרקע מלוכה האָט א שטאַרקע רעגירונג, אָבער נישט יעדע שטאַרקע רעגירונג איז א באַוויז פון א שטאַרקע מלוכה. פאַרקערט, דיקטאַטורן זענען בולטע סימנים פון שווערע קראַנקהייטן, וואָס דער אָרגאַניזם מאַכט אַדורך. דיקטאַ־טורן זענען באַנדאַזשן אויפן קערפּער, גאַנץ אָפט אָבער סייטן. אין ערשטן פאַל, דאָס הייסט, ווען זיי רעפּרעזענטירן די אינטע־רעסן פון דער מערהייט פון פאָלק, וועלן זיי געזונט מאַכן דעם

אָרגאַניזם, און ווי נאָר זיי וועלן זייער מיסיע אויספירן, וועלן זיי לויז ווערן (אַלס אילוסטראַציע קאָן דינען ראַטן-פאַרבאַנד, ווו ס'שפּראָצט ארויס איצט דעמאָקראַטיע). אַ שטאַרקע רעגירונג איז א רעגירונג, וואָס איז שוואַך שלעכטס צו טון.

אויך אין מענטש קומען פאָר די אַלע פּראָצעסן. וואָס קאָמפּליצירטער און רייכער פּאָליטיש עס איז דאָס לעבן אין יחיד, אַלץ קאָמפּליצירטער איז דער קאַמף פאַר מאַכט אין אים. אויך אין יחיד כאַפּן זיך צו צו דער מאַכט אין פינסטע־ע מאָמענטן קליקעס, וועלכע פאַרפּעסטן די פּאָליטישע אַטמאָספערע אין אים. די כּוחות, וועלכע ווערן אין אים אונטערגעדריקט באַנוצן זיך מיט לעגאַלע קאַמפּס-מיטלען, נאָר אַזוי לאַנג, ווי די מאַכט-אָרגאַנען האַלטן די אינער-קאָנסטיטוציע ווי נאָר דער „איך" ברעכט זי, הייבט זיך אָן די אומלעגאַלע טעטיקייט. דער יחיד הייבט אָן צו קרענקן. עס ווערן אין קאַמף אָנגעגריפן איינציקע, די שוואַכסטע טיילן, זיי הייבן אָן צו דעגענערירן. ווען דאָס ווירקט נישט, ווערט די מלוכה-אָרדנונג אין מענטש באַדראָט, דער נערוון-סיסטעם ווערט געשעדיקט. נערוון-קראַנקהייטן זענען אַלזאָ אַן אויסדרוק פון צעריסענע אינער-פּאָליטישע באַציונגען. היילן דעם קוואַל פון נערוון קאָן מען דעריבער נאָר מיט פּאָליטישע מיטלען.

דאָס היילן נערוון-קראַנקהייטן מיט פיזישע מיטלען איז נאַטירלעך א נויטווענדיקייט. פרישע לופט, בעדער, דערנערונג פּאַסיקע, רויקע סביבה, אויספלוגן זענען שטאַרקע הייל-מיטלען, אָבער נאָר דאַן, ווען דער פּאָליטישער קאָנפליקט איז באַזייטיקט. אין קעגנפאַל, וועט די קראַנקהייט ווייטער זיך אַנטוויקלען און אָנמאַכן חורבות אין אָרגאַניזם. ווען מיר לעשן אַ שׂרפה איז זינלאָז איבערצולאָזן פעסער בענזין פון דער נאָנט. ליידער טוט מען דאָס אָפט. אַנאַלאָגיש איז די לאַגע אין קראַנקע מלוכות.

די רעאַקציאָנערע רעגירונגען פּרוּוון היילן מיט ווירטשאַפטלעכע מיטלען פּאָליטישע קראַנקהייטן, מיט קליינע רעפאָרמען, וואָס שלעפּן נאָר אָפּ דעם אויפרייס פון סאָציאַלן בלאָטער אויף א צייט.

צוליב וואָס א סיבות ווערן די פּאָליטישע פּראָצעסן אומ־נאָרמאַל אין געזעלשאַפט? ווו איז דער מקור פון געזעלשאַפט־לעכע שטורמען, בונטן, אויפשטאַנדן, רעוואָלוציעס?

אומגערעכטיקייט איז דער מקור פון אַלע שטור־מען. איינשטילן דעם צאָרן אין אָרגאַניזם הייסט ליקווידירן די עולות פון כּוחות, וועלכע ווערן אונטערגעדרוקט אין אָרגאַניזם. קאַמף צווישן אונטערדריקער און אונטערגעדריקטע — אָט דאָס איז שטורמיש נשמה־לעבן.

קאָן דידאָזיקע אומגערעכטיקייט באַזייטיקט ווערן? מיט וועלכע מיטלען?

קולטור און שפראך

וועלכע אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען קולטור? דער אָרגאַניזם שאַפט פון זיך זעלבסטהיילנדיקע כוחות, וועלכע זאָלן אים ראַטעווען אין זיין שווערן שלאַכט מיט זיך, און די מעדיקאַמענטן רופן מיר קולטור.

מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז ווי נאָר די לעבנסליניעס פון יחיד און כלל-אָרגאַניזם הערן אויף צו זיין פּאַראַלעל צו זיך הייבן אָןביידע צו ליידן: דער יחיד און דער כלל-אָרגאַניזם. העלפט דער יחיד זיך געזונט צו מאַכן, ראַטעוועט ער זיין לעבן, אין קעגנפאַל ווערט ער אויסגעשפּיגן פון אָרגאַניזם, פאַרמשפּט אויף איזאָלאַציע, און דערנאָך דערגענטערט זיך דער אומקום.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז דער „איך” אין יחיד די רעגירונג אין אָרגאַניזם. יעדע רעגירונג האָט 2 אויפגאַבן: אינערמלוכהשע און אויסער-מלוכהשע. זי רעגולירט דאָס לעבן פון איר אָרגאַניזם און באַאיינפלוסט לטובת אים די האַנדלונג פון אַנדערע מלוכות פון דעם כלל-מענטש אָרגאַניזם. אַלץ, וואָס דער מענטש האָט געשאַפן טיילט זיך דעריבער אויף צוויי צוויי טיילן: צו רעגולירן די נשמה-פּראָצעסן און די פּאָליטישע פּראָצעסן פון כלל-אָרגאַניזם. דער מענטש האָט זיך נישט קלאָר געמאַכט, אַז דאָס, וואָס ער טוט פאַר זיין אינערלעך-לעבן איז פּאַקטיש ר י י ן פּאָליטישע אַרבעט. מיר וועלן עס אָבער פאַרשטיין, ווען מיר וועלן זען אין מענטש אַנאַלאָגישע אינסטיטו-

ציעס (אין אַבסטראַקטן זין פון וואָרט) וואָס אין דער מלוכה.

געוויינלעך, ווערט קולטור געטיילט אויף וועלטלעכע און רעליגיעזע. ווי דער לעזער וועט זיך ווייטער איבערציַיגן, איז עס אַן אַבסורד. אַלץ, וואָס דער מענטש האָט געשאַפן איז וועלטלעך, ווייל אויך רעליגיע און גלויבן איז דאָך אַ פּראָדוקט פון מענטש.

מיר וועלן ווייטער באַהאַנדלען אַלזייטיק די אַנטשטייאונג פון רעליגיעס, און מיר מיינען, אַז מיט אַזאַ מעטאָד, וואָס יעדער וועט זיך איבערציַיגן אין דער ריכטיקייט פון אירע אמתן. מיר ווילן אָבער זאָגן איינציקע ווערטער. ווען מיר באַטראַכטן דעם פּראָצעס פון תּפילה זעען מיר, אַז באמת מתפּלל זיין קאָן אַ מענטש נור דאַן, ווען ער איז צעווייטיקט, צעפּלאַמט אין יסורים. „ממעמקים קראתיך ד׳", נאָר ווען אין יחיד ווערן די קעגנזאַצן אַזוי צוגעשפּיצט, די פּאָליטישע כּוחות אַזוי צעריסן, אַז אַלץ קאָן חרוב ווערן אין אים, קומט דער קריזיס אין פּאָליטישן לעבן פון דעם אָרגאַניזם. די מאַכט אין מענטש באַלייגט אַ פּ אָ ל י ט י ש ע ד ע ק ל אַ ר אַ צ י ע, אַז זי ציט זיך צוריק פון איר אונטערדריקונג. זי דערקלערט, אַז זי וועט אָפּשטעלן אין אָרגאַניזם געוואַלטאַט און די איבערלעבונגען פון קאָלעקטיוו, פאַרן און נאָכן קולמינאַציע פּונקט, קומען אַרויס אין אַזאַ פאָרם, וואָס מיר רופן תּפילה. מיר וועלן נאָך ווייטער אָנווייזן, אַז מיר מיינען נישט ג ע ז אָ ג ט ע תּפילה פון אַ סדורל מעג זי זיין די הערלעכסטע. אמתע תּפילה איז נאָר די, וואָס קומט פון „שברת-הלב", ווען דער אונטערדריקער אין מענטש דערקלערט אַ געבראָכענער, אַז ער גיט צוריק די פרייהייט און רעכט אין אָרגאַניזם.

תּפילה איז דעריבער ד ע ז י נ פ ע ק צ י ע פון פּאָליטישע פאַרפּעסטונג אין אָרגאַניזם. דעריבער, כּדי מען זאָל קאָנען מתפּלל זיין, איז נישט גענוג צ ו ז אָ ג ן, נאָר מען מוז ב אַ ז ײ ט י ק ן אַלע סבות, וואָס האָבן דערפירט צום טרויעריקן מצב אין מענטש. די תּפילה וועט דאַן זיך צעבליען ווי אַ גאָרטן נאָך אַ דערפרישנדיקן רעגן.

אויספירלעך וועלן מיר רעדן דערפון, נאָכן באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פון שפּראַך.

שפּראַך

פון אונזער פעסטשטעלונג, אַז „איך" איז דער הערשנ־דיקער כּוח אין מענטש, איז קלאָר, אַז דער „איך" פון הײנט אין מענטש. איז אָפט נישט דערזועלבער וואָס נעכטן. וויאַזוי דערקלערט זיך דאָס? מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז אַ רעגירונג קאָן זײַן די זעלבע וואָס פריער, די מאַכט, מיט וועלכע זי דיספּאָנירט, איז אָבער אָפּהענגיק פון אירע מעשים. זענען אירע האַנדלונגען אַזעלכע, וועלכע דער יחיד אַנערקענט אַלס נוצלעכע, איז די רעגירונג זײַן רעגירונג, און ער גיט איר מאַכט מיט זײַנע כּוחות צו דיספּאָנירן. יעדער טאַט אירער פאַרשאַפט איר נײַע מאַכט, אָדער רײַסט פון איר אָפּ מאַכט. איז דער אָרגאַניזם געזונט, וועלן די כּוחות אין אים באַציִען זיך לאָיאַל, הגם עס הערשט נור איין טייל, אָבער לטובת דעם גאַנצן אָרגאַניזם. די אָפּאָזיציע איז דאַן נישט באַדראָט אין איר קיום, זי קעמפט קעגן דעגענעראַציע פון הערשודיקן כּוח, נאָטירט אַלע פעלערן, און ווען זײַער סומע וועט זײַן אַ גרויסע און באַדראָען דעם אָרגאַניזם, און די אָפּאָ־זיציע איז ווײַטער צוריקגעצויגנט געוואָרן פון איר לעצטן דורכ־פאַל בעתן קאַמף פאַר דער ממשלה, גייט דאַן די מאַכט אין אָרגאַניזם איבער אין די הענט פון דער אָפּאָזיציע. די נײַע מאַכט רעספּעקטירט דאַן אַלע התחייבותן, וועלכע די פריערדיקע רעגירונג האָט גענומען אויף זיך לגבי אויסער־כּוחות.

איז אָבער דער אָרגאַניזם קראַנק, פּאַטאָלאָגיש, ער געפינט זיך אין צעפאַלונגס־צושטאַנד, ווערן אַלע מלוכה־יסודות אין אים חרוב. אין אָרגאַניזם איז אָנגענומען, אַז די אינערפּאָליטישע סכסוכים זאָלן ווערן אינערלעך דערליידיקט. דאָס געשעט אָבער בײַ אַ פרײַהייט־רעזשים, ווען די צדדים רעספּעקטירן זיך. ווערט אָבער איין טייל דורכן צווייטן אונטערגעדריקט, ווערט די קאָנ־

סטיטוציע פאַרשוואַכט, און עס הייבט זיך אָן אַן אומלעגאַלע טעטיקייט.

די ערשטע סימנים פון פּאָליטישער צעריסנקייט ווייזן זיך אין שפּראַך פון מענטש.

וואָס איז שפּראַך? שפּראַך איז אַ מיטל פון פאַרשטענדיקונג צווישן יחידים, צווישן איין אָרגאַניזם און צווייטן. עס איז אָנגענומען, אַז שפּראַך איז נאָר דאָס, וואָס קומט צום אויסדרוק דורך דער צונג אָדער שריפט. מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז צונג־שפּראַך איז נאָר אַ טייל פון דער רייכער שפּראַך מיט וועלכער דער אָרגאַניזם פאַרשטענדיקט זיך. די עצם פונקציע פון שפּראַך איז ווירקן אויף אַ צווייטן אָרגאַניזם מיט דער הילף פון צ יי כ נ ס: קלאַנג־סימנים, שריפט־סימנים, באַוועג־סימנים, (רעדן מיט די הענט, מיטן קערפּער), קאָליר־סימנים (פענער), סימבאָלן, ווי מגן דוד, ווייסער אָדלער, סוואַסטיקע א. א. וו. פאַרוואָס רעדט דער אָרגאַניזם מיט פ אַ ר ש י ד ע נ ע שפּראַכן? פאַרוואָס באַנוגנט ער זיך נישט מיט איינע? ווען באַנוצט ער זיך מער מיט איינע, און ווען מיט דער צווייטער? מיר וועלן באַלד געבן אַן ענטפער.

מען קאָן טיילן די שפּראַכן אין מענטש אויף רעד־שפּראַך און שטום־שפּראַך. מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז דאָס א־נערפּאָליטישע לעבן (נשמה־לעבן) איז אָפּהענגיק פון אויסערפּאָליטישע באַציאונגען, און פאַרקערט, די אויסערפּאָליטישע באַציאונגען זענען אָפּהענגיק פון יחידס נשמה־לעבן. ממילא זענען דאָ צוויי צענזורן אין אָרגאַניזם: נישט אַ ר יי נ ל אָ ז ן אַזעלכע איינפלוסן, וואָס זאָלן צונעמען די מאַכט ביי דעם הערשנדיקן טייל, נישט אַ ר ו י ס ל אָ ז ן קיין אינטערווענץ־רופן כדי די אינער־כוחות זאָלן נישט באַקומען הילף פון אויסער־כוחות אין קאַמף פאַר מאַכט. וואָס געזונטער דער אָרגאַניזם, אַלץ ווייניקער זענען דאָ סבות פאַר צענזור (פאַרגלייכט די צענזור אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד). די אָפּאָזיציע איז אָבער אויך נישט הילפלאָז, זי הייבט זיך אָן באַנוצן מיט שטום־לשון. נישט קאָנענדיק שרייען מיט

קלאַנגען אַרטיקולירטע רעדט זי שטום־לשון, וועלכעס קאָן ווייני־
קער צענזורירט ווערן. איר קאָנט אָפּט הערן, אַז אַ מענטש
רעדט יאָ אויף זיך שלעכט. וויאַזוי קאָן דאָס געשען? פאַר־
וואָס האָט דער „איך" דערלאָזט, אַז די שטים זאָל אַרויסקומען?
מיט וואָס אַ צוועק רעדט דער מענטש שלעכט אויף זיך? ס'איז
קלאָר, אַז דאָס זענען הילפס־רופן פון דער
אונטערגעדריקטער אָפּאָזיציע. אַז אַ ליידנדיקער
יחיד טרעפט זיך מיט אַ פריינט, וועלכער וועט אים מיטפילן,
רעדט ער זיך אויס פון זיינע העסלעכע מידות, ווייל ער רופט
נאָך הילף. דער „איך" אין אָרגאַניזם דאַרף אָבער שוין זיין
שווער קראַנק, אַליין גענוג אָפּגעשוואַכט, אַז די קריטיק זאָל
אַרויסקומען. זייענדיק זייער אָפּגעשוואַכט קלעקט אים נישט
שטענדיק צוהיטן די אָפּאָזיציע און לאָזט אַדורך אַמאָל אַזאַ
געשריי „איך בין קיין מענטש נישט", „איך בין נישט ווערט,
וואָס די ערד טראָגט מיך". מען דאַרף דאָס לייענען: דער
„איך" אין אָרגאַניזם, דער הערשנדיקער טייל איז נישט ווערט"!
א. א. וו. איר וועט באַמערקן, אַז איר וועט זיך דעמאַסקירן
גאָר אין אמתן פריינטס אויגן (ווייל אויך ער טוט עס פאַר אייך
און ממילא דראָט אייך נישט קיין געפאַר), ווייל, דאַן היט נישט
די אָפּגעשוואַכטע מאַכט אַזוי שטאַרק. איר פעלט דאָך שוין
כוחות, און מוז אייך היטן ווען איר וועט זיין מיט אַ שונא, אַז
איר זאָלט חלילה נישט אויסרעדן אויף זיך קיין בייז וואָרט.
אייך דאַכט זיך, אַז איר ווילט דאַן נישט, אָבער פאַקטיש קאָנט
איר נישט, די צענזור וואַכט שטאַרק. שטים־שפּראַך איז דערי־
בער די איינציקע מעגלעכקייט פאַר אָפּאָזיציע. אַלס
שטים־שפּראַך, וועלן מיר דעריבער האַלטן לאַכן, וויינען, שריי־
ען, געזאַנג, טאַנץ, מוזיק, עסטעטיק, סימבאָלן א. א. וו.

ווער לאַכט אין טעאַטער, ווען מען ווייזט אַ סאַטירע
אויף דער רעגירונג, צי די מיניסטאָרן אויך? עס לאַכט די
אָפּאָזיציע. קאָמעדיע איז אומלעגאַלע דראַמע, געלעכטער —
אומלעגאַל געשריי. אַ ליידנדיק קינד שרייט ווען עס פייניקט
זיך, אַ קולטורעלער מענטש זינגט אויס זיינע יסורים. אין ביידע

פֿאַלן זענען עס שפּראַך־מיטלען פֿאַר דער אונטערגעדריקטער אָפּאָזיציע. ווען די רעגירונג פֿאַרמאַכט דאָס מויל פֿון דער אָפּאָזיציע טוט די לעצטע אָן אַ רויט שאַליקל, פֿאַרווערט מען אויך דעם רויטן שאַל, טראָגט זי אַן אָפּצייכן אין דער מאַרינאַרקע, פֿאַרווערט מען דאָס אויך רעדט זי מיט די הענט דורך דער פֿאָרם פֿון באַגריסן זיך. א. א. וו.

מיר ווייסן, אַז אין אַ שלעכטן מצב זיפֿצט מען, מען קרעכצט, דאָס זענען אויך ריידפֿאָרמען, מען רעדט זיך דערמיט אָפּ פֿון האַרץ. מיר וועלן נאָד רעדן וועגן פּראָבלעמען פֿון קונסט און עסטעטיק שפּעטער. לאָמיר איצט באַטראַכטן די רייד פֿון שרייב־שפּראַך.

מיר ווייסן, אַז יעדער מענטש האָט זיין סטיל אין רעדן און אין שרייבן. פֿאַרוואָס איז עס אַזוי? פֿאַרוואָס רעדט מען אין איין שפּראַך און דאָך פֿאַרשידן? פֿאַרוואָס האָט איינער אַ שיינעם קלאַנג און דער צווייטער אַ מיאוסע שטימע? איינער האָט אַ סך ווערטער און דער צווייטער ווייניק, איינער רעדט פּליטיק, דעם אַנדערן פֿעלן אויס ווערטער. פֿאַרוואָס רעדן מיר אין פֿאַרשידענע סיטואַציעס מיט פֿאַרשידענע טענער? אַנדערש קלינגט אַ הכנעה־זאַץ, אַנדערש אַ שטאָלצער זאַץ. רעדט דאָך דער מענטש מיט טאָפּעלע סימנים, דאָס הייסט, אַז ער באַנוצט זיך נישט מיט די קלאַנגען, מיט די סימבאָלן, וואָס זיי זאָגן, נאָר רעדט מיט פֿאַרשידענע טענער, טרויעריק, געבראָכן, אָפֿט מיט געזאַנג.

איר האָט געהערט אַ „האַנדי" איבערן הויף, ווי טרויעריק צעגיסט זיך זיין שטים, ווען ער האָט נאָך קיין גראָשן נישט פֿאַרדינט, און ווי חדוותדיק און פֿריילעך, ווען ער האָט ערשט אַ פֿרישן 5 גילדן אַריינגעלייגט אין טאַש. אין ביידע פֿאַלן זאָגט ער „האַנדי", אָבער ווי פֿאַרשידן דערציילט ער מיט זיין „האַנדי". ווי טראַגיש און האָפֿנונגסלאָז קלינגט זיין שטים ווען זיין פּנים איז פֿאַרמרהשחורהט אין אַ טונקלדיקן פֿאַרנאַכט!

הערט זיך צו צו אַן „אמר אביי" אין די ישיבות, וווּ עס ווערט באַגראָבן יעדע בענקשאַפֿט צו דער שיינער וועלט. הערט

זיך צו צו די טענער, וועט איר אַלץ הערן: געוויין, פאַרצווייפלונג, יאוש, צער, ליבע-בענקשאַפט אין איין „אמר אביי".

פאַרוואָס זינגט נישט דער שילער אין גימנאַזיע ביים לערנען פיזיק און כעמיע? מען דערלויבט נישט? עס פאַסט נישט? פאַרוואָס דערלויבט מען יאָ, און ס'פאַסט אין דער ישיבה? אויב אין „אמר אביי" קאָן מען אַלץ אַריינלייגן, אויב אין „האַגדי" קאָן מען דערציילן אַ גאַנץ טראַגיש-לעבן, וואָס איז זשע וואָרט? ווען איז דער אינהאַלט פון וואָרט אין וואָרט? ווען פלייצט עס אַריבער? ווען ענדערט זיך עס בכלל? ווען רעדט דער מענטש, און ווען נאָר דאָס מויל? און פאַרוואָס רייסן זיךביידע אַריין צוזאַמען? פאַרוואָס שווייגט נישט דעם הענדלערס ווייטאָג דאַן ווען ער שרייט „האַגדי" און פאַרוואָס זינגט ער נישט, ווען ער דאַרף גיין אין קאָמיסאַריאַט רעדן? אין ערשטן פאַל רעדן צוויי מענטשן אין אים: דורך די קלאַנגען זאָגט ער אַרויס זיין פראָפעסיע („האַגדי"), דורך די טענער — זיינע יסורים, זיינע טענות און פראָטעסטן. דאָס איז אַן אומלעגאַלער טאַט. מיט זיין „האַגדי" שליידערט ער זיין פראָטעסט אין די פענסטער. זאָגן קאָן ער דאָס נישט מיט צענזורירטע שפּראַך — טוט ער דאָס דורך געזאַנג.

אויב אַזוי, אויב מיר אנערקענען, אַז שפּראַך גערעדטע קאָן צענזורירט ווערן בעסער ווי געזאַנג, געשריי, געוויין — איז דאָך פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי איז בכלל אַנטשטאַנען די שפּראַך אין מענטש. דאָס וועט אונז דערקלערן אַלע שפּראַך-פּראָצעסן. נאָר לאָמיר גיין כסדר.

מיר ווייסן, אַז דער קאַמף צווישן פּאָליטישע כוחות דריקט זיך אויס, וואָס איין כוח קעמפט פאַר נייע לעבן, פאַר נייע פאָרמען, און די אַנדערע — פאַר דערהאַלטן די אַלטע. ווען די אָפּאָזיציע נעמט איבער די מאַכט טוישן זיך די ראָלן: זי ווערט די היטערן פון די פאָרמען, וואָס עקזיסטירן שוין, אָדער פון פּראָגראַם, וואָס זי האָט געשאַפן. און די פרישע אָפּאָזיציע קעמפט פאַר נייע לעבנס-פאָרמען.

וואָס איז געווען די סיבה פון אַנטשטיין פון שפּראַכן?

וויאזוי איז אנטשטאנען דאָס ערשטע וואָרט? וואָס איז געווען פריער, געשריי צי וואָרט? מיר וועלן פארשטייט זיך זאָגן, אַז געשריי. שרייט דאָך אַ קינד פאַרן גאַנצן רעדן. מיר ווילן דאָ נישט ענטפערן וועלכעס וואָרט האָט דער מענטש בכלל פריער אַרויסגערעדט, נאָר די געשיכטע פון זיין געבורט. ווען שרייט אַ קינד? ווען עס ליידט. אַ קינד רעדט דאָך מיט געשריי־שפּראַך. אַלזאָ האָבן מיר אַ שליסל צום פּראָבלעם: וואָרט איז אַ הילף־רוף. ווען דאָס ערשטע אורוועזן האָט געשריען איז עס געווען אַן אַלאַרם. פאַר דער קלאַנג־שפּראַך האָט מען זיך אָבער באַנוצט מיט באַוועגונגען. און דעריבער ווען יחידים ווערן אונטערגעדריקט, און דאָס מויל ווערט פאַרשלאָסן, רעדן זיי מיט די שפּראַכן, מיט וועלכע זיי האָבן גערעדט אין די פריערדיקע תקופות. זיי גייען צוריק צו זייערע פּרימיטיווע אורשפּראַכן. רעאַקציע אין אָרגאַניזם וועקט דעריבער אויף אין יחיד, נישט בלויז, זיין לעבנסשטייגער פון די אורצייטן, נאָר מאַכט אים ווילד. אַלע סימנים פון דער פאַרגאַנגענהייט קומען צוריק צוזאַמען מיט די פאָלגן. ווי ער האָט זיך אין די ווילדע טייגעס באַהאַלטן פאַרן צווייטן ווילדן מענטש — אַזוי מוז ער ווייטער זיך איצט קאָנספּירירן. דאַן האָט ער זיך געמוזט באַנוצן מיט שטום לשון, כּדי אַ צווייטער ווילדער זאָל נישט זען זיינע סימנים, נישט הערן. אויך איצט מוז ער רעדן אויף שטום־לשון. דאָרטן, אין וואַלד, האָט ער געהרגעט, געטויט — דאָ מוז ער אויך דאָס טון, ער הרגעט דעם פּאָליטישן קעגנער, אַטענטאַטן אויפן שונא.

יעדער אָרגאַניזם אין וועלכע דאָס לעבן נעמט אָן פאָרמען פון דער פּרימיטיווער פאַרגאַנגענהייט איז קראַנק. זעען מיר, אַז דאָס צוריקגיין פון קלאַנג־שפּראַך צו שטום־שפּראַך איז אַ רעזולטאַט פון פּאָליטישער רעאַקציע און ממלא איז קלאָר, אַז דער פאַרקערטער וועג, דאָס הייסט, דאָס איבערגיין פון אַן אַלטער שפּראַך־פאָרם צו אַ נייער, איז אַן אַקט פון כוחות, וועלכע שטרעבן צו מאַכט פון פּאָליטישער אָפּאָזיציע.

פאַרוואָס אַנטשטייען ווערטער ווי „רויטע", „אָפּאָזיציע"

אַנשטאָט קאָמוניסטן אין אַ געוויסער טייל פּרעסע? ווייל די הערשנדיקע מאַכט אין דידאָזיקע לענדער פּאַרוועדט צו באַנוצן די פריערדיקע. זעט מען דערפון, אַז די נויט פון דער אָפּאָזיציע שאַפט נייע אויסדרוקן. די הערשנדיקע גרופן לעבן זיך אויס מיטן שפּראַכמאַטעריאַל, וואָס זיי האָבן געשאַפן בעת זיי זענען געווען אין דער אָפּאָזיציע. שפּעטער איז נאָר די אָפּאָזיציע. דאָס הייסט נישט, אַז די הערשנדיקע שאַפן נישט, ווייל אויך זיי מוזן דאָך זיך פּאַרטיידיקן קעגן דער אָפּאָזיציע, אָבער נור צום פּאַרטיידיקן זיך. פאַרשטייט זיך, אַז מיר רעדן דאָ וועגן דיקטאַטור, און נישט וועגן לאָיאַלע רעגירונגען אין דעמאָקראַטישע (נישט פּסעוודאָ) מלוכות, אָדער אין פּאָזיטיווע דערוויילע־דיקטאַטור, אין אַזעלכע פאַלן, ווען זיי רעפּרעזענטירן די אינטערעסן פון פאָלק און מאַכן עס געזונט.

ווי מיר זעען, איז שפּראַך נאָר אַ קאַמפּס־מיטל, אַ געווער אין פּאָליטישן לעבן. מימלא וועט שוין זיין איצט לייכט צו פאַרשטיין דאָס שפּראַך־פּראָבלעם אין מענטש.

מיר ווייסן דאָך, אַז אין אַ צייט פון גרויסע געשעענישן ווערט די ליטעראַטור זער באַרייכערט. שטורמישע קאַמפן שאַפן אַ שפע פון ווערטער און ליטעראַטור. אָבסערווירן מיר אַ תקופה פון ערב־פרילינג אין לעבן פון אַ מלוכה זעען מיר, אַז די ליטעראַטור ווערט באַרייכערט מיט קאַפּיטאַלע שאַפונגען, וואָס איילן צו דעם שטורם. אַזאַ תקופה איז געווען אין רוסלאַנד די לעצטע צענדליקער יאָרן פון צאַרישן רעזשים. שאַפט פון זיך אַן אָרגאַניזם אַ גרויסן שרייבער, נביא, פאָלקס־העלד מוז די תקופה זיין מעוברת מיט וויכטיקע געשעענישן. אין בין־השמשות גיט דער אָרגאַניזם פון זיך אַרויס גייסטיקע ריזן, וועלכע לייכטן פון היסטאָרישער שקיעה ביז זון־אויפגאַנג. שוין נאָענט פון זון־אויפגאַנג לעשן זיך די ריזן־ליכט. זעלטן קומען זיי מיט אין ניי־לעבן אריין. די הערשנדיקע מאַכט פילט איר אינטערגאַנג, איר גסיסה, און שטעלט אַ ווידערשטאַנד. דעם פאָלק ווערט אָנגענומען דאָס לשון, די אינסטיטוציעס דורך וועלכע זאָס ליידנדיקע פאָלק האָט גערעדט ווערן צום ערשט רעפּאָרמירט. נאָר אַ קלייגער

טייל פון פאָלקס-ווייטיק ווערט געהערט פון דער פּאַרלאַמענט-טריבונע. אָבער דאָס אויך איז נאָך ווייניק פאַר דער פּאַרמשפּטער רעאַקציע. זי ווערט ווייטער באַזראַט אין איר הערשאַפט. און דאַן צעטרייבט זי דעם פּאַרלאַמענט. וואָס געשעט ווייטער?

דאָס שעדיקן דאָס אויסדרוקן זיך פון פאָלק דורך פּאַר-לאַמענטאַרישע פאָרמען (אַנאַלאָגיש צו אַרטיקולירטע שפּראַך) רופט אַרויס א טויש פון פונקציעס. די פונקציע פון פּאַרלאַמענט גייט איבער צו דער קונסט, וועלכע איז שווערער צענזורירט צו ווערן. אַזאַ לאַגע האָט זיך געשאַפן אין די פּאַסיסטישע און האַלב-פּאַשיסטישע לענדער. דער קינסטלער, ווענענס אויפגאַבע איז יחידיש נשמה-לעבן צו פאָרמירן, נעמט איבער די פונקציע פון פּאָליטיקער, וועמענס אויפגאַבע איז צו פאָרמירן דאָס נשמה-לעבן פון כלל-אָרגאַניזם. דאָס קומט פאַר לויטן אַלגעמיינעם גע-זעץ. וואָס הערשט אין אָרגאַניזם. א טויבער „הערט" מיטן אויג (לויט די באַוועגונגען פון די ליפּן אָדער הענט הערט ער אייך), א בלינדער „זעט" מיטן אויער אָדער מיט דער האַנט (טאַפּט). דאָס זעלבע געשעט אין כלל-אָרגאַניזם. ווען א יחיד ווערט גע-שטערט צוליב פּאָליטישע סיבות אין זיינע פונקציעס און אויב זיי זענען נוצלעך פאַרן אָרגאַניזם, שיקט דער לעצטער אַנדערע כּוחות זיי אויסצופירן. אין א לאַנד, וווּ די שיינע ליטעראַטור קאָן נישט איבערנעמען די פונקציע פון אונטערגעדריקטן פּאָלי-טיקער וועט דער אָרגאַניזם דעגענערירן און אַרויסרופן שווערע קראַנקהייטן (קריזיסן, נערוון, פּאַטאָלאָגישע דערשיינונגען און קאַטאַסטראָפעס. (וועגן די לעצטע זע ווייטער אין קאַפּיטל וועגן יורי). אַזוי גוט ווי די ליטעראַרישע שאַפונגען פון א פאָלק ווייזן אונז די נשמה פון כלל-אָרגאַניזם, אַזוי ווייזט די שפּראַך-שאַפונג פון יחיד זיין נשמה-לעבן. דער שפּראַך-סטיל פון יחיד איז דעריבער אָפּהענגיק פון פּאָליטישן רעזשים אין יחיד. קראַנקהאַפט נשמה-לעבן שאַפט א קראַנקע שפּראַך. דער פּאָלי-טיש צעריסענער יחיד ווערט געשטערט אין זיין שפּראַך-פונקציע.

פאַרוואָס טרעפן מיר אָבער שרייבער נערוועזישע, אינער-

לעך צעפליקטע, וועלכע האָבן דווקא אַ רייך שפּראַכלעך לעבן מיט אַ הערלעכן סטיל?

מען דאַרף פאַרשטיין, אַז די פּאָליטישע קאַמפן וועלן נישט דווקא שטערן די שפּראַך־פונקציע. עס טרעפט זיך, אַז דער רעזשים איז צו שוואַך זיך אַקעגנצושטעלן אַ ריזיקן כּוח. אָט האָט דאָס צאַרישע רוסלאַנד צענזורירט טאָלסטאָיען און דאָך טאָלערירט אים. נישט ווייל זי האָט עס געוואָלט, נאָר ווייל זי האָט מורא געהאַט פאַר אייראָפּע. אייך אין יחיד געשעט ענלעך. צוליב פאַרשידענע סיבּות שטערט דער רעזשים אַנדערע פונקציעס אין יחיד, און איין פונקציע שטאַרקט זיך דאַן און נעמט איבער די מאַכט פון אַלע געשטערטע פונקציעס. דאַן ווערט די פונקציע אַ מייסטער־פונקציע.

דאָ, אָבער, ווו מיר באַגעגנען שפּראַכלעכע אומנאָרמאַלקייטן זענען זיי עכאָס פון פּאָליטישער צעריסנקייט אין יחיד. מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז אויב כּוחות ווערן נישט דערלאָזט צו לעגאַלער טעטיקייט, טוען זיי זייער פונקציע אומלעגאַל. זיי כאַפּן זיך מיט קאָנספּירירט אין טאָן פון וואָרט. אין דער מעלאָדישקייט, זיי רעפאָרמירן דאָס וואָרט, דעם קלאַנג און אָפט דעם אינהאַלט, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען. אומגעבעטן פאָרן זיי אויף גאַפּע, אין די זייטן פון וואַגאָן, אויפן דאַך, אונטער די בענק. דאָס פערד כאַפּעט, דער באַלעגאָלע האָרעוועט, ער ווייסט נישט פאַרוואָס ער פאָרט אַזוי שווער, ווען ער האָט אַזוי ווייניק צו שלעפּן. ער זעט אָבער נישט, אַז ער האָט אומלעגאַלע פּאַסאַזשירן. דער צעריסענער פּאָליטישער יחיד האָט זעלטן דאָס וואָרט, וועלכעס ער האָט באַדאַרפן. אָפט איז עס צעקאַלעטשעט, ווי זיין לעבן. די ווערטער זענען נישט צוגעקליבענע, נאָר צופעליק באַהאַפטענע, געלאַטעטע זאַצן. אינמיטן פון זאַץ רייסן זיך אריין אַנדערע זאַצן, אינמיטן פון וואָרט — אַנדערע ווערטער. איין וואָרט ממיתט דאָס אַנדערע, איין קלאַנג צעמזיקט דעם אַנדערן. ער הערשט נישט איבער זיינע גלידער. פיל פונקציעס פון אָרגאַניזם זענען אים גישט געהאָרכזאַם. צוליב דעם קאָן ער נישט אָן רויט ווערן פאַרבייגיין פאַר אַ גרופּע מענטשן,

גייט ווי א געבונדענער, וואקלט זיך, ציטערט ביים שרייבן און רעדן. דאָס איז דער פּראָטעסט פון די אונטערגעדריקטע כּוחות אין מענטש. אייך איז דאָך זיכער באַקאַנט, אַז די רעוואָלוציאָנערן האָבן דעם צאַרישן רוסלאַנד געשטערט קריגן א הלוואָה. זיי האָבן דערקלערט, אז דאָס פאָלק וועט נישט צאָלן. דאָס וואָס דער נערוועאישער קאָן נישט פריי באַוועגן זיין קערפּער, דיסקרעדיטירט דעם „איך" פאר מענטשן. דאָס וויל טאַקע דער אָרגאַניזם, די אונטערגעדריקטע כּוחות. היילן זיך פון אַזעלכע „אומאַנגענעמלעכקייטן" קאָן מען דעריבער נאָר דורך ענדערן די פּאָליטישע אָרדנונג אין זיך, דורך שאַפן גערעכטיקייט לגבי זיך אין זיך. הערט ווי א קראַנק פאָלק רעדט, זעט ווי עס בלוטיקט זיין לעבן, ווי צעריסן עס איז זיין נשמה. פאַרשטענדלעכער וועט עס זיין, ווען מיר וועלן פריער באַהאַנדלען די שריפט־שפּראַך.

קאַטאַסטראָפירטע שריפט.

נעמט זיך אין האַנט אריין אייניקע האַנט־שריפטן פון נערוועאישע מענטשן, וועלכע איר קאָנט און באַטראַכט זיי. פאַרגלייכט אַן ערך צוואַנציק „ל" און זעט צי זענען אַלע ענלעך צו זיך? צי זענען די ליניעס איינע און די זעלבע? זייער ריכטונג? פעלט נישט ביי טייל קיין שטיקלעך? זענען ביי אַנדערע נישטאָ איבעריקע שטיקלעך? שטייען טייל נישט אָנגעבויגן אויף רעכטס אַנדערע אויף לינקס, נאָך אַנדערע גלייך? זענען די ליניעס גאַנץ אָדער צעבראָכן? זענען זיי אומעטום פון דערזעלבער גרויס און פון דער זעלבער דיק? איז איין בוכשטאַב אָפּגערוקט פון צווייטן און אַלע ווערטער גלייך. אָדער נישט? מאַכט די שורה א גלייכן חעג, ד. ה. אַלע בוכשטאַבן שטייען ווו זיי דאַרפן אויף דער ליניע געשריבן ווערן? פאַרגלייכט דערנאָך אויך אַנדערע בוכשטאַבן „ג", „פּ" און ענטפערט זיך אויף די דערמאָנטע פראַגן. פאַרגלייכט אייער אייגן כתב אין רויקן צושטאַנד מיט אייער כּתב אין אויפרעגונג. פאַרוואָס איז דאָס

רויקע כתב גלייך (נערוועאישער שרייבט קיינמאָל נישט גלייך, אויסער ווען ער מאטערט זיך זעער) און דאָס אויפגערעגטע צעבראָכן, צעריסן? פאַרוואָס האָט אונזער צושטאַנד אַזאַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף אונזער שריפט (און אויף אַלע אונזערע האַנדלונגען). פיל מענטשן ליידן שרעקלעך צוליבן נישט קאָנען זיך באַהערשן בעתן שרייבן, רעדן, טוען, צי איז עס אוממעגלעך צו ענדערן? (מיר ענטפערן אַז יאָ! דער לעזער מוז אָבער האָבן געדולד צוצופאַסן זיך צו אָנווייזונגען). צום ערשט מוזן מיר אייך באַקענען מיט דעם פּראָבלעם שריפט.

שרייבט אויף אַן „א". פון וואָס אַ עלעמענטן באַשטייט אַן „א". פון אַ האַלב רינגעלע און אַ פּאַסיקל. פון וועלכע עלעמענטן באַשטייט אַן „ע"? פון 2 האַלבע רינגעלעך)(. נאָר געווענדעט נישט צו זיך (צו זיך וועט אַרויסקומען פון זיי אַ נול). פון וועלכע עלעמענטן באַשטייט אַ „ק"? פון אַ האַלב רינגעלע און אַ פּאַסיקל. אַלע בוכשטאַבן באַשטייען פון פּאַסיקלעך און האַלב-רינגעלעך. וואָס איז אַ האַלברינגעלע? אַ נישט גלייכע ליניע. וואָס איז אַ ליניע? אַ רייע פונקטן. די שריפט-שפּראַך באַשטייט אַלזאָ פון פונקטן. ווען איך וויל אויפשרייבן אַ „ב" איז עס זער אַ קאָמפּליצירטער פּראָצעס. עס מוזן אַרויסגעגעבן ווערן דערפאַר אייניקע דיספּאָזיציעס אין מוח: 1) וויפיל פונקטן יעדעס רינגעלע זאָל האָבן, ד. ה. די גרויס פון די פּאַסיקלעך. 2) די ריכטונג פון פּאַסיקל, ד. ה. גלייך אָדער אויסגעבויגן, 3) די ריכטונג וויאַזוי די פּאַסיקלעך זאָלן זיך געפינען לגבי זיך. 4) דאָס אָרט אין דער הייך פון דער שורה, די גרעב פון שריפט א. א. וו. דאָס אַלץ קומט פאָר ביי איין בוכשטאַב! דאָס אויפשטעלן איין וואָרט, איז דעריבער אַ פילפאַכיקע קאָמפּליקאַציע, אַ זאַך שוין גאָר אַ שווערע. איר האָט שוין מסתמא געהאַט פאַלן ווען אַ בוכשטאַב, וואָס האָט באַדאַרפן צו קומען שפּעטער, האָט זיך אַריינגעכאַפּט פריער (אויב אייך טרעפט זיך דאָס נישט, ווייל איר זענט געזונטער, פרעגט אַ צווייטן). וויפיל מאָל קומט אויס איבערצומאַכן פון איין בוכשטאַב אַ צווייטן? פאַרוואָס קומען די טעותים? וואָס איז בכלל אַ טעות? לייכט איז עס צו פאַרשטיין

ווען מיר געדענקען דאָס אויבן דערמאָנטע. די סיבה פון שרייבן „פ אַ ר ל אָ ג נ ע ן" אָנשטאָט „פאַרלאַנגען", איז וואָס בעת איר האָט באַדאַרפן שרייבן א „נ" איז אייער געדאַנק געווען ביי די „ג", איר האָט אַלזאָ אויפגעשריבן דאָס, וועגן וועלכן איר האָט געטראַכט. אין דעם פאַל, האָט א ווייטערדיקער בוכשטאַב אַרויסגעכאַפט דאָס אָרט פון וואָרט פריער. עס טרעפט פיל מאָל, אַז א בוכשטאַב כאַפט אויס דאָס אָרט פון 10 בוכשטאַבן פריער (און אויך פון שפּעטער טרעפט זיך). דאָס אַלץ געשעט דערפאַר, ווייל דער געדאַנק לויפט זער שנעל. די האַנט באַווייזט נישט צו טון דאָס, וואָס דער געדאַנק דיקטירט. וואָס איילּיקער דער געדאַנק לויפט אַלץ מער פאַלן אַזעלכע וועט זיך טרעפן. יעדער קאָן דאָס זען ביי זיך. דעריבער זאָגן מיר, אַז צוליבן לויפן פון צוג ווערטער געשעט א קאַטאַסטראָפע, אנשטאט איין בוכשטאַב זאָל גיין נ אָ כ ן צווייטן (ווי וואַגאָנען אין צוג) כאַפט זיך א בוכשטאַב אַרויס פון דער רייע און לויפט נישט אויף זיין אָרט. דער זעלבער פּראָצעס קומט אָבער פאָר ביי איין בוכשטאַב. מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז אין מוח ווערן אַרויסגעגעבן פיל דיספּאָזיציעס ביים שרייבן א י י ן בוכשטאַב. ווען די דיספּאָזיציעס פליען צו שנעל, רייסן זיי זיך אַריין איינע אין די אַנדערע, און דער בוכשטאַב ווערט צעריסן און קאַטאַסטראָפירט.

לאָמיר אָננעמען, אַז די דיספּאָזיציע איז געווען אַזעלכע „20 פונקטן". „האַלב קיילעכדיק" „מיטן פּנים רעכטס" (()) „20 פונקטן" „האַלב קיילעכדיק" מיטן פּנים „לינקס" (()) „ביידע" אויף איין הויך פון דער ליניע" „דערנענטערט צו זיך אויף א מרחק פון 2 מילימעטער" „גרעב פון די רינגעלעך 1/5 מילימעטער" „אַריינשליסן זיך איינס אין צווייטן". פון די אַלע דיספּאָזיציעס וועט קוים אַנטשטיין איין בוכשטאַב! (אַן „ע"). דער נערוועאישער מענטש האָט נישט קיין געדולד דידאָזיקע דיספּאָזיציעס אויפצונעמען איינע נ אָ ך דער אַנדערער. אַזוי גוט ווי ער האַקט אייך איבער ביים רעדן, לאָזט אייך נישט פאַרענדיקן דאָס געשפּרעך, דעם זאַץ, אַזוי האַקט ער איבער די דיספּאָזיציע.

„רינגעלע הייך" איז פֿאַר אים אוממעגלעך אויסצופֿירן, ווייל דאָס פֿאָדערט ז ע ע ן ריכטונג, מ ע ס ט ן מיטן אויג דאָס אָרט, באַציונג פֿון ביידע פּאָזיציעס, וואָס די טיילן פֿון א „ק" פֿאַרנעמען, דעריבער קאַטאַסטראָפֿירט ער די טיילן פֿון בוכשטאַב, איינע רייסט זיך אַריין אין דער צווייטער. וואָס עס האָט געזאָלט קומען אין דער הייך רייסט זיך אין דער זייט א. א. וו. מיט דעם ענדיקט זיך עס נישט. די דיספּאָזיציעס פֿון ערשטן בוכשטאַב רייסן זיך אַריין אין צווייטן, דריטן א. א. וו. אין דער שריפֿט פֿון א נערוועאישן קאָן מען אין לעצטן בוכשטאַב פֿון וואָרט געפֿינען עלעמענטן וועלכע זענען צוגענומען געוואָרן פֿון ערשטן. דאָס איז נאָר נישט אַלץ. אין איין זאַץ ליגן עלעמענטן פֿון אַנדערע זאַצן. אויב איר האָט געהאַט צוויי געדאַנקען, און איר זענט נערוועאיש, וועלן זיי נישט קומען איינע נ אָ ך די אַנדערע, נאָר אייבער געקייטלט מיט דעם אַנדערן. פֿון די צוויי נישט געבוירענע זאַצן וועט אַרויסקומען איין צוזאַמענגעגאָסענער זאַץ, קאַטאַסטראָפֿירט. אין א זאַץ קאָן מען געפֿונען עלעמענטן פֿון אַנדערע זאַצן (פֿריער נישט פֿאַרענדיקטע. אָדער שפּעטערדיקע, וואָס דאַרפֿן ערשט געבוירן ווערן), אין וואָרט — עלעמענטן פֿון אַנדערע ווערטער, אין בוכשטאַב — שטיקלעך פֿון די פֿריערדיקע אָדער שפּעטערדיקע.

ביי א נערוועאישן שרייבער, וועלכער האָט צו שאַפֿן צוויי ווערק, און שאַפֿט נאָר איינס, וועלן עלעמענטן פֿון נישט געשאַפֿענעם ווערק אַריינרייסן זיך אין ערשטן, און קאַטאַסטראָפֿירן עס. די עלעמענטן וועלן ווייניקער זיך אַריינרייסן, ווען דער שרייבער איז נישט נערוועיש, ווייל דאַן האָבן די כּוחות אין אים, וואָס האָבן זיי אויסגעווייטיקט פֿון זיך האָבן צוטרוי, אַז זיי וועלן אויך אַרויסגעזאָגט ווערן אין א באַזונדער ווערק (האָט איר נישט געזען, אַז כּעס, וואָס מען האָט נישט געקאָנט אויסלאָזן אויף איינעם קריגט דער צווייטער, וואָס קומט אומשולדיק אונטער? פּרוּווט איינצוהאַלטן א געדאַנק, וועלכן איר ווילט זער איבערגעבן וועט איר זען, אַז ער וועט זיך אומלעגאַל אַריינשמוגלען, ווען איר וועט זיך פֿאַרגעסן).

נאָך דעם ווי איר האָט עפּעס געזאָגט, דערציילט, דערמאָנט זיך וועגן וואָס איר האָט געטראַכט פריער, געלעזן, געהערט פון אַנדערע, וועט איר אָפּט זען, אַז דאָס געזאָגטע האָט געהאַט עלעמענטן פון געדאַנקען, וועלכע זענען אין יענעם מאָמענט פאַרבײַ.

מאַכט אַזאַ עקספּערימענט: הייסט אַ מענטשן אויסטראַכטן אַ פאַנטאַזיע (נאָר אַן קלערעניש וועט זײַן בעסער) און סטענאָגראַפירט עס. דערנאָך פרעגט אים אויס לויטן אינהאַלט, וואָס פאַראַ איבערלעבונגען האָט ער געהאַט, צי האָט ער נישט דאָס און יענץ געטראַכט, געהערט, געלייענט וועגן עפּעס, געשטרעבט צו דעם און צו יענעם פּרט. פאַרשרייבט זיך זײַנע ענטפערן. דאַן פאַרגלײַכט די ענטפערן מיט דער פאַנטאַזיע, וואָס ער האָט געשאַפן, אַנאַליזירט, וועט איר אויסגעפינען, אַז ער האָט גאָרנישט אויסגעטראַכט, נאָר באַהאָפטן פאַרשידענע עלעמענטן. אין זײַן פאַנטאַזיע זענען אַרײַנגעשווימען יענע געדאַנקען, וועלכע האָבן צוליב פאַרשידענע סבות פריער נישט געקאָנט קומען, זיי זענען דערדריקט געווען אין אים, און איצט האָבן זיי באַקומען זייער תקון.

אין מענטש קומען פאָר ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, פּאָליטישע קאַמפן און זיי דעצידירן וועגן אונזער מצב. ווען אַ פאָ״ק איז פאַר אָדער נאָך אַ וויכטיק געשעעניש (רעוואָלוציע, שווערע קריזיס) וועט די ליטעראַטור פון דער צייט זײַן אַ נערוועישע, אַ קאַטאַסטראָפירטע. כּדי דיספּאָזיציעס זאָ״ן גיין איינע נאָך די אַנדערע, דאַרף דער אָרגאַניזם זײַן אין שלום־צושטאַנד איז אָבער קריגסצושטאַנד, אָדער ערבקריג, ווערן די דיספּאָזיציעס צעריסן פון אַנדערע כּוחות, וואָס יאָגן אין קאַמף פאַרן קיום. באַטראַכט זיצונגען אין פאַרלאַמענט. (לייענט איבער די פרעסע פון דעצעמבער 1935, די דעבאַטע אין ענגלישע פאַרלאַמענט צוליב האארט פאַריזער אָפּמאַך וועגן אַביסיניע, די די טעמפּעראַטור פון דער דעבאַטע אָדער אַ צווייטן פאַל אין אייער לאַנד) באַטראַכט אַ שלום־זיצונג פון אַ פאַרלאַמענט, ווען די אָפּאָזיציע שטימט איין מיט דער הערשנדיקער מאַכט, ווען

די צדדים קומען צווישן זיך אַדורך, וועט איר זען, אַז אויב בעת אַ שלום־זיצונג ווערן די רעדנער נישט געשטערט, און איינער רעדט נאָכן צווייטן, קומט אויף אַ צעקריגטע פאַרהאַנדלונג פאַר אַ קאַטאַסטראָפירט רעדן. איין רעדנער רייסט זיך אַריין אין צווייטן (צווישנרופן, טומלען אויף מיטינגען). זאָגן מיר, אַז אַ מענטש רעדט, שרייבט, האַנדלט קאַטאַסטראָפירט, איז עס אַ באַווייז פון צעריסנקייט, ווייל די כוחות זענען אין אים אין מלחמה־צושטאַנד ממיתן זיך די געדאַנקען, קאַטאַסטראָפירן זיך.

קאַטאַסטראָפירטע געדאַנקען, שריפט און האַנדלונגען זענען דעריבער נור עכאָס פון אינערקאַטאַסטראָפעס. היילן די האַנדלונגען איז דעריבער זינלאָז. מען דאַרף היילן דעם קוואַל פון אַלע אומנאָרמאַליטעטן. מיר וועלן נאָך וועגן דעם רעדן שפּעטער. דאָ ווילן מיר נור באַמערקן, אַז דער פּראָצעס פון קלאַנג־שפּראַך איז דער זעלבער, ווי ביי שריפט־שפּראַך. פון וואָס באַשטייט אַ וואָרט? פון אַזויפיל קלאַנגען, וויפיל בוכשטאַבן עס איז דאָ אין אים (אַחוץ די טראַדיציאָנעל־היסטאָרישע איבערגעבליבענע בוכשטאַבן, וואָס זענען שוין טויט).

אויב אַ נערוועזישער רעדט, רייסט איין קלאַנג דעם צווייטן פאַרטווישט די ערטער, ספּעציעל ליידן די פילזילביקע ווערטער, אָדער די, וואָס שטאַמען פון פרעמדע שפּראַכן. פיל ווערטער ווערן גערעדט אין פאַרשידענע וואַריאַנטן, און אפילו דערזעלבער פערזאָן באַנוצט זיך מיט עטלעכע (למשל: קאָנטיגענט, קאָנטיגנעט, קאָנטינגענט). מיר וועלן נאָך צוגעבן, אַז פיל מענטשן ראַטעווען זייער מאַסקע מיט ווערטער, וועלכע האָבן גאָרנישט וואָס צו זאָגן, מיטן אָפּטן „א. א. וו.“ (ווען ווייטער קומט שוין גאָרנישט, אָדער מען ווייסט אַליין נישט וואָס), מיט שיין קלינגעדיקע לאָקוואַטע ווערטער, וואָס זענען אָבער אין געגעבענעם פאַל בלוטלאָז און גייסטלאָז.

טראַגיש איז די לאַגע פון די, וואָס רעדן מיט איבערזעצונגס־שפּראַך. דער רוב פון דער יידישער יוגנט ווערט נערוועזיש צוליבן איבערזעצן זיין לעבעדיקן יידיש אויף אַנדערע

טויטע (פאַר אים) שפּראַכן. די געדאַנקען ווערן פאַרקריפּלט׳ לעבן זיך נישט אויס.

איצט, ווען מיר ווייסן שוין, וואָס איז שריפט־ און קלאַנג־צעריסנקייט, איז שוין לייכט צו פאַרשטיין וויכטיקע פּראָצעסן, וואָס דעצידירן אָפט וועגן לעבן און גורל פון מענטש.

חלום און מינדערווערטיקייט

די פרוידישע שול זעט אין חלומות נישט אויסגעלעבטן סעקסואַליזם. יעדעס בילד דאַרף זיין אַ סימבאָל פון געשלעכט־לעכע אָרגאַנען. דידאַקטיקע שיטה, ווי אויך די קרובהשע, זענען אין אַ טעות. קיין סך באַווייזן זענען איצט שוין דערפאַר נישט נויטיק. פּאָליטישע קאַמפן באַציען זיך צו אַלע לעבנס־נויטן. נעמען מיר אַנאַליזירן אַ חלום זעען מיר גאַנץ לייכט, אַז אַ חלום איז אַ קאַטאַסטראָפּירטע איבערלעבונג. וואָס פאַרשטייען מיר דערמיט?

אייך האָט זיך זיכער געחלומט נישט איינמאָל אַ משונה־דיקער חלום, די באַשטאַנדטיילן האָבן אַבסאָלוט קיין שייכות נישט געהאַט צווישן זיך. די באָבע, וועלכע לעבט שוין נישט, האָט ביי אייך פאַרברענגט צוזאַמען מיטן שכן, אויף וועלכן איר קאָנט נישט קוקן. פּלוצלינג איז אַריינגעקומען אייער שוועסטער וואָס איז גאָר אין אויסלאַנד, און שלאָגט אייך מיט אַ שטעקן. פונוואַנען נעמט זיך דער חלום? ווי קומט דער שכן צו אייך אין שטוב, אויב איר זענט צעקריגט מיט אים? וואָס טוט דאָ די באָבע? האָבן די אַלע פּרטים עפּעס אַ באַדייטונג, ווי עס ווילן עס האָבן די פרוידישע און אַנדערע שולן? זאָגן זיי עפּעס אונז? ניין, קאַטעגאָריש ניין! מען קאָן פון זיי נור לערנען, אַז דער מענטש, וואָס חלומט חלומות, קאַטאַ־סטראָפירט זייער משונהדיק, ווען אין וואָר אויך שאַפן קאַטאַסטראָפירטע געדאַנקען, אָבער קיין שום סימבאָלישע באַדייטונג האָבן זיי נישט.

מיר וועלן עס נאָך געבן צו פאַרשטיין מיט אַ קאַטאַסטראָ־

פירט געשעעניש. אין אַ צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין וואַרשע פון מאָסקווע זענען געזעסן טוריסטן: אַמעריקאַנער, פראַנצויזן, אַרטיסטן, שרייבער, אַרבעטער, מיניסטאָרן. אין אַ צוג פון וואַרשע קיין ווילנע פאָרן רבנים, גלחים, ענדעקעס, אגודהניקעס און פריידענקער. ווען דיביידע צוגן האָבן זיך קאַטאַסטראָפירט אויפן וועג, איינער איז אַרויף אויפן אַנדערן, וועלן פאָרקומען (אויסער טראַגישע) אויסערגעוועגלעכע סצענעס. אַ רבי וועט זיך פּלוצלינג (קאָנען) געפונען נעבן אָרעם פון אַ פּאַריזער אַרטיסטין, אַן אגודה פרעזעס האַלט זיך ביים קאָפּ פון אַ גלח, אַ קאָמוניסטישער קאָמיסאַר אָנגעלענט אויף אַן ענדעק. אויב אַ פּאַסאַזשירין האָט אין מאָמענט פון דער קאַטאַסטראָפע געשפּייזט איר קינד, קאָן זי איצט דאָס לעפעלע האַלטן נאָך אין האַנט ביים מויל פון אַ זקן. אין דער ערשטער מינוט וועט דאָס זיין אַ ח ל ו ם. מיר זעען דעריבער, אַז ביי קאַטאַסטראָפירטע האַנדלונגען זעט מען אַלץ משונהדיק, פאַרפּלאָנטערט.

דאָס זעלבע קומט אָבער פאָר מיטן נערוועזשן אַ גאַנצן טאָג. ווען אַ נערוועזישער עסט, קאַטאַסטראָפירט ער. עסן באַשטייט דאָך פון איייניקע טאַט-עלעמענטן, למשל: צום ערשט קייען דערנאָך שלינגען. דער נערוועזישער שלינגט אָבער פ אַ ר ן צעקייען.

דאָס טרעפן זיך פון ענדעק מיטן קאָמוניסט ב ת דער קאַטאַסטראָפע באַדייט גאָרנישט און זאָגט אונז גור, אַז עס זענען געווען סבות, וואָס האָבן דערפירט צו דער קאַטאַסטראָפע. די כוחות, וואָס האָבן דערצו געטריבן האָבן נישט מכוון געווען, אַז דער רב זאָל צוליב דער קאַטאַסטראָפע מוזן ליגן אויף דעם גלח. אויך אין חלום איז דאָס זעלבע. געדאַנקען לויפן אין איילעניש און צערייסן איינע די אַנדערע, פּלאָנטערן אין קאָפּ פון נערוועאישן סיי אין וואָך, סיי אין שלאָף. אין וואָך האָט ער אָבער די מעגלעכקייט איינצוהאַלטן עטוואָס די געדאַנקען, און ממילא וועט זיך נישט טרעפן, אַז די טויטע באָבע זאָל קומען מיט די שוועסטער פון אויסלאַנד. דער אויבנדערמאָנטער

חלום וועט קלאָר פאַרשטאַנען ווערן, ווען מיר וועלן נאָך דער־קלערן, וואָס איז פאַרפאָלגונגס־מאַניע, מינדערווערטיקייט.

פאַרפאָלגונגס־מאַניע

פאַרפאָלגונגס־מאַניע איז ביי נערוועאישע אַן אָפטע דער־שיינונג און אַ געפערלעכע. מיר ווייסן פון 2 מינים: אַ מענטש רעדט זיך איין, אַז אַ צווייטער וויל אים שלעכטס טון, 2) אַז ער וויל אַ צווייטן שלעכטס טון (דיביידע קאָנען זיך אויך טרעפן צוזאַמען). וואָס איז די סבה דערפון? פאַרוואָס שרעקט אַ מענטש? פאַרוואָס רעדט מען זיך איין, אַז מען איז דער ערגסטער? פאַרוואָס פייניקט מען זיך אַזוי מוראדיק? איז עס ריכטיק אָפגעשאַצט ווען מען אַנערקענט זיך פאַר אַן אויסוורף? ווו איז די גרענעץ פון אמת און שקר אין דעם פאַל? איז דאָס מינדערווערטיקייט, דאָס צאַפן דאָס אייגענע בלוט, אַ מיטל צו עפּעס?

מיר מוזן זיך דאָ אומקערן צום פּאָליטישן לעבן. אין יעדן אָרגאַניזם איז דאָ אַן אָפּאָזיציע, וואָס דערלאָזט נישט, אַז ער זאָל דעגענערירט ווערן. ווען אין אָרגאַניזם הערשט פריי־הייט פון קריטיק, ווערן אַלע עוולות ליקווידירט. ווען אָבער עס הערשן פּאַטאָלאָגישע דערשיינונגען אין אָרגאַניזם, ווערט די פרייהייט באַגרענעצט. דאַן ווערט די קריטיק צעשעדיקט פון ביידע צדדים (אַזוי גוט ווי די אָפּאָזיציע דאַרף היטן דעם אָר־גאַניזם פון דעגענעראַציע, אַזוי היט די הערשנדיקע מערהייט, אַז די אָפּאָזיציע זאָל נישט דעגענערירט ווערן, ווייל דאַן איז זי באַדראָט). ביידע הייבן דאַן אָן פ אַ ל ש ע קריטיק. די צדדים נוצן דאַן אויס אַ ל ע מיטלען, וואָס זיי קריגן נור אין האַנט. דאַרף מען דעריבער אונטערשיידן די פּראַקטעסטן פון אָרגאַניזם. באַרעכטיקטע וועלן מיר רופן — קריטיק, אומבאַ־רעכטיקטע — שאַפן דעם מינדערווערטיקייטס קאָמפּלעקס.

לאָמיר נעמען פאָלגענדיקן פאַקט: אַ לערער זיצט ביי אַ שילער, וועלכער האָט זייער לעבעדיקע אויגן און צוליב דעם

קוקט ער אָפּט אויף זיי. אין האַנט האַלט ער אַ צירקל אַזוי, אַז דער שפּיץ איז אין דער הייך. אַזוי ווי ער איז אַ נער־וועאישער, קאָן ער זיך נישט לאַנג פאַרהאַלטן אויף איין אָרט, אויף איין בליק. דער שילער שרייבט דאָך און ער דאַרף אַכ־טונג געבן. וואַנדערן די געדאַנקען פון איין זאַך צו דער צווייטער. פּלוצלינג טראַכט ער „איך וועל אים אויסשטעכן די אויגן". דער לערער ווערט דערציטערט. צו אַלע פּיין און מינדערווער־טיקע שטימונגען איז צוגעקומען נאָך אַ באַוויז, אַז ער איז אַן אויסוואורף. איצט איז ער עס שוין זיכער, אָן צווייפל. ביז איצט האָט ער געשלעפּט דעם וואָגן פון לעבן. ער האָט גע־הערט אין זיך אַ פיינלעכע שטים, אַז ער איז נישט ווערט, אַז די ערד זאָל אים טראָגן, אַז ער איז נישט קיין מענטש. עס האָט אים געעקלט פון זיך און זיינע מעשים. מיט די לעצטע כוחות האָט ער דערדריקט אין זיך דאָס געשריי און געטענהט מיט זיך, אַז ער איז נאָך נישט אַזוי שלעכט. זעלטן האָט עס געהאָלפן, אָבער דאָך האָט ער געכאַפּט אַ פּויזע, שווער גע־אָטעמט, אָבער דאָך געאָטעמט. ווייטער געשלעפּט דעם לעבנס־וואָגן, ווידער געפאַלן. מיט די לעצטע כוחות זיך אויפגעהויבן. איצט, ווען מיר האָבן אים געטראָפן אין אַ שעה נאָכן דער־מאָנטן פאָרפאַל, איז ער שוין געווען אַ שאָטן פון לעבן. „ער האָט נישט צי וואָס צו לעבן", אויב ער איז אַזאַ אויסוואורף, אַז ער קאָן האָבן פאַרלאַנגען, אויסצושטעכן די אויגן פון אַ קינד, וועלכעס ער האָט זאָגאר ליב.

נאָך אדורכפירן אַן אַנאַליז, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישט אַ אין זיין זאָגן קיין שום פאַר־לאַנג. דאָ איז נאָר געשען אַ קאַטאַסטראָפע פון אייניקע זאַצן.

ער איז געזעסן, און ווי תמיד, זיך פאַרקוקט, אין די שיינע אויגן, געטראַכט גלייכצייטיק פון פאַרשידענע זאַכן אָן פאַרבינדונג, ווי יעדער נערוועאישער (אַ נערוועאישער קאָן נישט איינזיצן, אויך זיינע גלידער קאָנען נישט איינהאַלטן זיך אויף אָן אָרט, בעת ער רעדט אַרבעטן די פינגער ביים צעוואָרפן,

רייסן א. א. וו.) געכאַפּט אַ בליק אויפן שפּיץ פון צירקל, דאָ אויפן אויג. דאָ דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף שוין גיין, און די געדאַנקען האָבן אין איילעניש קאַטאַסטראָפירט זיך. פון 3 געדאַנקען איז געוואָרן איינער, למשל:

1) [איך וועל] שוין גיין. 2) מען קאָן מיטן שפּיץ [אויסשטעכן] לעכעלעך אין נאָטיץ ביכל, וואָס ליגט דאָ. 3) ווי שיין זענען [זיינע אויגן]! די ווערטער אין קלאַמערעס זענען די ווערטער, וואָס זענען געבליבן פון דער קאַטאַסטראָפע. זיי האָבן אַבסאָלוט קיין פאַרלאַנג אין זיך ד. ה., אַז דער יחיד, וואָס האָט זיי קאַטאַסטראָפירט, האָט נישט אויסגעדריקט זיין באַגער, אַז זיי זאָלן זיך אַזוי צוזאַמענטרעפן פונקט ווי מאַשיניסטן זענען זיך נישט מכוון, אַז נאָר 3 וואַגאָנען זאָלן בלייבן גאַנץ פון דער קאַטאַסטראָפע. פון דעם איז שוין קלאָר, אַז אויב דער יחיד הייבט זיך אָן צו פייניקן דערמיט, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל די צעדרעגגטע כוחות אין מענטש, וואָס שטרעבן זיך צו באַפרייען, נוצן אויס דעם פלאָנטער פאַר זייערע צוועקן. ענלעך געשעט אין אַ מלוכה. בעת אַ קריזיס, וועלכן דער הערשנדיקער כוח האָט נישט געשאַפן, לייגט די אָפּאָזיציע אַרויף אַלץ אויף אירע פלייצעס. אויב זי איז שטאַרק, דערדריקט זי מיט פאַרשידענע מיטלען די פאַלשע קריטיק (צענזור), ווען זי איז שוואַך, הייבט זי טאַקע אָן צו גלייבן אין דער קריטיק פון דער אָפּאָזיציע און פאַלט אַריין אין מינדערווערטיקייטס שטימונגען, און דאָס איז דער אָנהייב פון איר ירידה.

דעריבער ווען אַ מענטש ליידט אויף אַ פאַרפאָלגונגסמאַניע באַווייזט עס, אַז די הערשנדיקע מאַכט אין אים איז אין דעגענעראַציע-צושטאַנד, זי קאָן שוין נישט אפילו צענזורירן.

אין יעדן אָרגאַניזם הערשט אַ פּרינציפּ אַלע איגער-חשבונות צו דערליידיקן צווישן זיך. ווען דער פּרינציפּ ווערט דורך דער הערשנדיקער גרופּע געבראָכן, דורך אונטערדריקונג און ברעכן די קאָנסטיטוציע, ווענדט זיך די אָפּאָזיציע צו א ו י ס ע ר - ה י ל ף אין קאַמף קעגן דער מערהייט פון אָרגאַניזם (אינטערווענץ פון אויסלאַנד). ווען אַ יחיד שרייט צו אַ פריינט

„איך בין נישט ווערט דעם נאָמען מענטש", איז עס דערפאַר, ווייל אין זיין יסורימדיקן קאַמף מיט זיך פאַר ביי לעבן, זוכט ער הילף, רעטונג. ער וויל, אַז דער פריינט זאָל לעשן דאָס פייער אין אים. אויב אַזאַ מענטש וועט, כדי נישט צו ווערן באַדראָט אין לעבן, מוזן נאָך מאַכן אַ מינע פון אַ שטאַרקן, מאַסקירן פאַרן פריינד, סביבה און ווייב זיינע זינד, זיינע שוואַכקייטן, וועט ער זיי האַסן און אַנטלויפן פון זיי. דעריבער אויב מיר זעען, אַז אַ יחיד אַנטלויפט פון מענטשן איז עס נור דערפאַר, ווייל ער אַנטלויפט פון זינד-עדות, ער ראַטעוועט די מאַסקע. ווען מען וויל דעריבער היילן אַ מענטש, מוז מען אים העלפן אַראָפּנעמען די מאַסקע, מען מוז מתּיר זיין די זינד, אויפווייזן, אַז ער איז נאָר אין אַ פּלאָנטער, אַז ער איז גאָרנישט אַזוי בייז, ווי ער רעדט זיך איין. דאָס מוז אָבער זיין אמת! דאָס הייסט, אַז דער וואָס טוט עס, מוז אַליין גלויבן אין דעם. ער מוז דעריבער אַליין זיך אַנאַליזירן דאָס לעבן פון אומגליקלעך-געפּייניגטן, פּאָרזיכטיק, דעליקאַט זיך צורירן צו די וווּנדן זיינע, במשך אַ לאַנגע צייט שאַפן ביי אים גלויבן, אַז דאָס אויפדעקן די זינד, וועט מיט גאָרנישט ענדערן זיין לאַגע, אַז ער וועט נישט גערודפט ווערן, אַז אַלץ וועט זיך פאַרהיילן, און אַז יעדער אין זיין סביבה איז נישט בעסער פון אים. עס איז נישטאָ קיין גוטע און שלעכטע, נאָר קראַנקע און געזונטע (וייטער וויניק). דאָס אַלץ מוז געטון ווערן דורך אַ קלוגן מענטש מיט אַ פּלאַן, ווייל אין קעגן-פאַל וועט די לאַגע זיך פאַרערגערן, דער נערוואַזישער וועט זיך נאָך מער שרעקן. אַלזאָ צום ערשטן באַרו?קונג.

ווי טיף ס'בלוטיקט אין מענטשן די נשמה-וווּנד פון פאַרפאָלגונגען, וועלכע קאַטאַסטראָפירן דאָס לעבן, וואָלט מען געקאָנט פיל שרייבן, אָבער מיר האָבן דאָ קיין אָרט נישט. דאָס דאַרף זיין אַ באַזונדערע אַרבעט. מיר וועלן אָבער נאָך דערמאָנען איניקע פּרטים. אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז ביים אויבנדערמאָנטן לערער מוזן זיין נאָך וויכטיקע קאַטאַסטראָפירטע גע-

שעהנישן האָבן מיר באַמת זיך פון אים אַרויסצוקריגן מער פאַקטן פון זיין לעבן און אַז, וואָס ער האָט דערציילט.

פריער ווילן מיר באַמערקן: 1) דערדאָזיקער פערזאָן ליידט אויף א שרעקלעכן אופן פון זיין אָפּגעשוואַכטן זכרון, ער געדענקט טיילמאָל נישט, וואָס ער האָט נעכטן איבערגעלעבט 2) בעת דערציילן האָט ער זיך נישט באַמיט עס אויסצוזוכן און האָט אפילו נישט ספּעציעל וועגן דעם דערציילט, ער האָט דעם פּרט וואָס מיר גיבן דאָ ווייטער געהאַלטן פאַר גלייכגילטיק. ווי מיר וועלן אָבער זען, איז עס נישט אַזוי. ער דערציילט:

„איך געדענק נישט ווי אַלט איך בין געווען, אַלנפאַלס נישט מער ווי 3 — 4 יאָר. איך האָב געהאַט א חבר אין מיין עלטער, דעם שכנס אַ קינד. ער איז שלאָף געוואָרן און איך האָב געזאָגט, אַז ער וועט שטאַרבן. ער איז דערנאָך געשטאָרבן. איך געדענק נאָך, אַז איך האָב עס געהאַלטן פאַר א גרויסע זאַך דאָס זאָגן מיינס, אַז ער וועט שטאַרבן. עס איז פאַר מיר נישט קלאָר. נאָר פון צייט צו צייט פלעג איך זיך דערפון דערמאָנען און מאָדנע טרויעריק ווער איך, ווען איך דערמאָן זיך דערפון".

שוין פון פאַקט, אַז דער דערציילער, וואָס האָט כמעט פאַרלוירן דעם זכרון, געדענקט פון זיין גאַנצער פריסטער קינדהייט נאָר אַ פאַקט, וועלכן ער פאַרגעסט קיינמאָל נישט באַווייזט, אַז דער זינד־מאָטיוו האָט אַ קאָלאָסאַלע ראָל געשפּילט אין זיין לעבן (ווי ביי יעדן שוואַכן, צעריסענעם מענטש). פונוואַנען האָט זיך אָבער צום 3־יעריקן קינד גענומען א פאַרלאַנג, אַז זיין חבר זאָל שטאַרבן? דערביי גיט ער שפּעטער צו:

„איך האָב זיך שטענדיק גוט געשפּילט זיך מיט אים. איך געדענק בכלל נישט, אַז איך זאָל ווען עס איז אין מיין קינדהייט האָבן זיך געקריגט מיט קינדער. איך בין דאָך א צו גרויסער פּחדן דערצו, און נאָך ביז היינט איז דער שלום־שטריך געבליבן אין מיר. פאַר שרעק בין איך א רודף־שלומניק".

ווי איז דער מקור פון אַזא נבואה ביי א קינד? ווען מיר וועלן אָבער דענקען, ווי מיר האָבן דערקלערט פריער, וועט

שוין אַלץ זיין קלאָר. דער בחור האָט קראַנקע עלטערן, די מוטער זייער אַ נערוועזע, נאָך פון מיידלווייז. פון קליינערווייז אָן איז ער אַ בלוטלאָזער, שוואַכער, שרעקעוודיקער, הילפלאָזער און נערוועזער. ער האָט מסתמא געהערט אין שטוב רעדן וועגן דער קראַנקהייט פון שכנס קינד און פון טויט. זייענדיק אַ טרוימער האָט עס געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק און פאַרטראַכטערהייט זענען ביי אים קאַטאַסטראָפירט געוואָרן 2 געדאַנקען „מיין חבר איז געשטאָרבן" און „איך האָב געזאָגט" אַנשטאָט „מאַמעשי האָט געזאָגט".

מיר נעמען אַלזאָ אָן קודם כל, אַז דאָס פ אָ ר א ו י ס ז ע ע ן איז שפּעטער צוגעגעבן געוואָרן פון אים אַליין. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז דער טויט פון זיין חבר האָט ביי אים געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, ער האָט זיך דאָך געוואָלט דערוויסן מער פרטים. אים האָט מען נישט געוואָלט דערלאָזן רעדן דערפון. ווי דער שטייגער איז: „מען טאָר נישט רעדן אַזוי". די איבערלעבונגען, געשרייען, געוויינען האָבן אויף זיין געמיט און נערוואַזע געדאַנקען־וועלט געווירקט פאַטאַל. אַזוי־אַרום איז ביים קינד אַרויסגעקומען דער קאַטאַסטראָפירטער זאַץ, אַז דער קליינער יואל איז געשטאָרבן צוליב זיין שולד. דערדאָזיקער פּלאָנטער האָט חרוב געמאַכט זיין לעבן. דאָס געשריי אויפן קינד, אַז „מען טאָר נ י ש ט רעדן אַזוי", אָן מאָטיוו פ אַ ר וו אָ ס, האָט געווירקט, אַז די קראַנקע פאַנטאַזיע פון קינד האָט פאַרבונדן זיין טראַכטן דערפון מיטן טויט פון קינד, און פון דאַן אָן האָט דאָס קינד געבלוטיקט.

היילן אַ נערוועזן קאָן מען נור דאַן, ווען מען וואַשט אים ריין פון אַלע זינד (נישט בלויז סעקסועלע, ווי עס ווילן טייל) ווען מען רייסט אים אַרויס פון זומפּ, פון לעבנס־פּלאָנטער, וואָס האָט זיין לעבן פאַרקריפּלט.

קאַטאַסטראָפירטע קלאַנגען.

איצט וועלן מיר שוין לייכט פאַרשטיין די סבה צוליב וועלכער דאָס פאָלק דעפאָרמירט דאָס לשון. פאַרוואָס זאָגט

דער גערוועאישער „דאָסטן" אנשטאָט „דו האָסט אים". „ר'עטן שלאָגן", אנשטאָט „ער וועט אים שלאָגן", „כ'עלן ווייזן", אנשטאָט „איך וועל אים ווייזן". אַלס מוסטער פון קאטאסטראָפירטע קלאַנגען קאָן דינען דער זאַץ: „צאָצע דיאין? מאָצע! אבע צאָצע!" פאַר פיל פון אייך איז עס תרגום־לשון. עס פאַלט אריין אַ יידענע צו דער צווייטער, וועלכע זוכט איר פאַרשווונדענע הין און וויל איר פרעגן „עץ האָט די הין?" זי באַקומט אַן ענטפער: „מען האָט זי". פאָלגט אַ פרייד־ענטפער „אַבי עץ האָט זי".

זעט מען אַזעלכע שפראַך־פאָרמען ביי אַ פאָלק, איז ממילא קלאָר, אז די פאָלקס־נשמה איז קאטאסטראָפירט.

ס'איז דעריבער פארשטענדלעך פאַרוואָס רעאַקציאָנערן רייסן אַרויס די צונג ביים אונטערגעדריקטן טייל פון פאָלק, ביי נאַציאָנאלע מינדערהייטן. די פאָלקסמאסן רעדן מיט קאַריקאטור פון שפראַך. ווייל זייער לעבן איז קאַריקאַטוריזירט, חרוב. טוביה דער מילכיקער רעדט מיט פסוקים, וועלכע ער פארדרייט און פאַרקריפּלט, ווייל די, וואָס האָבן אים די פסוקים אין מויל אַריינגעלייגט האָבן זיין לעבן פאַרקריפּלט, דאָס איז זיין נקמה־אקט (אומבאַוווסטזיניק). פרעמדע שפראַך־עלעמענטן אין מויל פון מענטש זענען קלעצער, וואָס האַלטן איין דאָס מויל, אז עס זאָל נ י ש ט רעדן. ווען אַ נאַציאָנאלע מינדערהייט גייט דורך געוואלט איבער אויף דער מערהייטס שפּראַך, וועט אַ גאנצער דור, און אפשר דורות נ י ש ט זאָגן דאָס, וואָס ז י י האָבן געוואָלט זאָגן. זיי וועלן נישט אויסשרייען זייער ווייטיק, זייער פסיכיש לעבן וועט געשטערט ווערן.

טעאָריע פון רעכט

אויב דער לעזער געדענקט אונזער שיטה פון מלוכה און רעגירונג, וועט אונזער רעכטס־שיטה זיין נישט שווער צו פאַרשטיין. אויפן געביט פון רעכט־טעאָריע הערשט אין דער וויסנשאַפט אַזאַ כאַאָס, ווי אין פּסיכאָלאָגיע. מיר האַלטן, אַז די סיבה איז איינע און די זעלבע. אַזוי גוט ווי די פּסיכאָלאָגן האָבן געמוזט דערגרייכן נישטיקע רעזולטאַטן מיט זייער מעטאָד פון אַרויסרייסן דעם יחיד פון כלל־אָרגאַניזם, און דעם לעצטן פון אַלזיין־אָרגאַניזם, אַזוי האָט אויך די יורי קיין בעסערע רעזולטאַטן נישט געקאָנט דערגרייכן. אויב זי האָט דעם מענטש געפאָרש אָפּגעריסן פון אַל־לעבן, נישט געוואָלט זעען, אַז סיי דער יחיד, סיי די וועלט אין וועלכער דער יחיד לעבט, סיי די וועלט, וואָס לעבט אין יחיד ווערן רעגולירט פון די זעלבע געזעצן.

אונזער לערע, וועלכע זאָגט אָבער, אַז אין מענטש און אין דער געזעלשאַפט קומען פאָר די זעלבע פּראָצעסן, עפנט פאַר אונז אויך נייע האָריזאָנטן. מיר זוכן דאָך אַנאַלאָגישע אינסטיטוציעס אין יחיד ווי אין כלל־אָרגאַניזם. אויב די אָרגאַניזאַציע אין מענטש ווערט רעגולירט פון מלוכה־געזעצן, דאַן מוז זי דאָך האָבן מלוכה־אינסטיטוציעס. (דעם לעזער מאַכן מיר אויפמערקזאַם, אַז אינסטיטוציע איז אַן אַבסטראַקטער אויסדרוק — אָרגאַניזאַציע. געריכט הייסט נישט די געביידע, נישט די מענטשן, וואָס משפּטן, נאָר די אָרגאַניזאַציע). הייסט עס, אַז

אויף די וועלט אין יחיד. דער סובקאָלעקטיוו האָט אַ יורידיש לעבן.

וואָס איז געזעץ? ווי אַזוי ווערט אַ געזעץ געבוירן? פאַרוואָס פאָלגן מענטשן געזעצן? ווען פאָלגן זיי נישט? וועל־כע סיבות זענען גורם דאָס אַנטשטיין פון געזעץ? פאַרוואָס הערשן נישט אומעטום די זעלבע געזעצן?

פון עקאָנאָמיע־פּרינציפּ איז קלאָר, אַז אַ געזעץ אַנטשטייט נאָר דאַן, ווען עס קומט פאָר אַ שטרייט צווישן צוויי כּוחות. ווען אַלע אין דער געזעלשאַפט זענען מסכּים צו אַ געוויסן טאַט, וועט אַ געזעץ נישט אַנטשטיין (ווי שפּעטער וועט קלאָר ווערן, דאַרף מען לייענען „עס וועט נישט פאַרשריבן ווערן"), ערשט ווען עס קרייצן זיך אינטערעסן פון פאַרשידענע גרופּן פאַראייניקן זיי זיך אין צוויי כּוחות, וועלכע וועלן שטרעבן קעגן זיך. איינע איז פאַר און די אַנדערע קעגן אַ דערשיינונג. טרעפן זיך ביידע כּוחות אין קאַמף, ווערט פון זיי געבוירן אַ געזעץ, און דערביי וועט דאָס נייע ווזן האָבן די אייגנשאַפטן פון דעם כּוח, וועלכער האָט געהאַט איבערמאַכט.

ביישפּיל. שאָפערן און פוסגייער האָבן קעגנגעזעצטע אינ־טערעסן. די ערשטע ווילן פאָרן וואָס גיכער, די אַנדערע־אַז זיי זאָלן פאָרן וואָס פּאַמעלעכער, ווייל דאַן איז דעם פוסגייערס לעבן ווייניקער אין געפאַר ביים אַריבערגיין.

די קעגנגעזעצטע אינטערעסן טרעפן זיך צוזאַמען שאַפן זיי אַ געזעץ: „פאָרן ביז 10 קילאָמעטער אַ שעה".

ווער שאַפט דאָס געזעץ? מיר זעען דאָך, אַז נישט דער שאָפער און נישט דער פוסגייער נאָר אַ אינסטיטוציע? גאַנץ ריכטיק. דאָס וואָלט געווען פאַרן אָרגאַניזם נישט עקאָנאָמיש. אַזוי גוט ווי ער שאַפט פאַסט, און אַנשטאַט יעדער זאָל אָפּטראָגן זיין בריוו, טראָגט עס אָפּ אַ אינסטיטוציע, אַזוי שאַפט דער אָרגאַניזם אינסטיטוציעס, וועלכע „שאַפן" די געזעצן און וואַכן איבער זיי. מיר האָבן דאָך אָבער געזאָגט, אַז רעגירונג הערשט נישט, נאָר זי איז אַ געווער אין די הענט פון די הערש־דיקע כּוחות. ממילא איז אויך קלאָר, אַז דער געזעצגעבער שאַפט

נישט קיין געזעצן פון זיך און מיט זיינע כּוחות, ער פּראָטאָקאָלירט נאָר דאָס, וואָס די כּוחות האָבן שוין געשאַפן. ער אורטיילט, אַז דער כּוח A איז גרעסער ווי דער כּוח B אין אָרגאַניזם, און די אינטערעסן פון A ווערן דעריבער אַ געזעץ פאַרן אָרגאַניזם. ווערט B שטאַרקער און A שוואַכער, ווערן די געזעצן געענדערט לטובת B. געזעצן זענען דעריבער דער באַראָמעטער פון די קעמפנדיקע כּוחות אין אָרגאַניזם.

מיר דאַרפן דעריבער קאָרעגירן אונזער זאַץ וועגן אַנטשטיין פון געזעץ. דאָס געשריבענע געזעץ איז נאָר אַ מעטריקע פאַרן נייעם קינד, אָבער דאָס קינד לעבט אויך, ווען קיין מעטריקע איז נישטאָ. ווען מען ווייסט, אַז דאָס קינד וועט נישט לעבן וועט מען עס קיין דאָקומענט נישט מאַכן. דעריבער ווערן פיל געזעצן, וואָס דער אָרגאַניזם שאַפט נישט פאַרשריבן, ווייל זיי וועלן קורץ דויערן. עס קאָנען אויך זיין אַנדערע סיבות. אַלע צוזאַמען האָבן אָבער איין סיבה — זיי נויטיקן זיך נישט אין פאַרשרייבן, ווייל זיי פונקציאָנירן סיי־ווי גוט אָן פּראָטאָקאָל.

אַלזאָ, כּדי אַ ווילן פון אַ גרופּע זאָל ווערן אַ געזעץ פאַרן גאַנצן אָרגאַניזם מוז ער זיין דער ווילן פון די מערהייט כּוחות. דעריבער וועלן מיר דעפינירן „געזעץ איז אַ דעציזיע־באַגריף וועמען אונזער אורטייל האָט אַנערקענט איבערגעוויכט איבערן קעגנזאַץ".

אויב אַ יחיד פירט אויס מלוכה־געזעצן דאַן, ווען ער ווערט נישט געבייט פון די מלוכה־אָרגאַנען, איז עס דערפאַר, ווייל ער האָט זיי געשאַפן (דער געזעצגעבער האָט אויסגעפירט זיין באַפעל און פאַרנאָטירט) ד. ה. זיין כּוח האָט אנטייל גענומען אין דער אנטשטייאונג פון געזעץ.

אַזוי גוט ווי געשריבענע שפּראַך איז נאָר פּראָטאָקאָל פון גערעדטע און די לעצטע פון אינערפּאָליטישע כּוחות אַזוי אויך געזעצן געשריבענע זענען פּראָטאָקאָלן פון שוין לעבעדיקע געזעצן.

כּדי דער געזעץ־געבער זאָל אָבער קאָנען זיין דער אויסדרוק פון מאַסן־ווילן, מוז זיין פּסיכיש לעבן זיין נאָרמאַל. אין

קעגנפאַל וועט דער אורטייל־זיינער זיין א פּאַלשער, ער וועט ניט קענען אָפּשאַצן דעם כּוחות־געראַנגל און וועט דערפירן דעם כּלל־אָרגאַניזם צו קראַנקהייט.

אויב אַזוי, וועט איר פרעגן, פאַרוואָס זענען דאָ פיל געזעצן קעגן דער מערהייט פון דער מאַסע, קעגן דער מערהייט־כּוחות פון דער מלוכה? דאָס איז דאָך א פאַקט, וואָס קיינער וועט ניט לייקענען! מיר וועלן עס באַלייכטן מיט אייניקע דערגענצונגען.

אונטערן באַגריף ווילנס־קראַפט פאַרשטייען מיר „דעם אונטערשיד צווישן צוויי פּאָליטיש־קעגנגעזעצטע כּוחות". א מענטש קאָן האָבן ריזיקע מוסקולן און א שטאַרקן קערפּער, אָבער דאָס קישן אונטערן קאָפּ וועט ער ניט קאָנען זיך גלייכמאַכן. פאַר־וואָס? צוליב פּאָליטישער שוואַכקייט. איר קאָנט זיין א ריז פיזיש נאָר אויב איר האָט ניט קיין רעגולירטע פּאָליטישע באַציונגען אין זיך, וועט איר זיך וואַקלען ביי יעדער קליינקייט. פראַנקרייך קאָן דינען אַלס ביישפּיל. זי איז א שטאַרקער אָרגאַניזם אָבער קראַנק פּאָליטיש. א ריז קאָן אויך האָבן א פּאַראַליזירטע האַנט, א פוס, א צעשעדיקט אויג. ווען אין אָרגאַניזם זענען דאָ צוויי פּאָליטישע כּוחות, פון וועלכע איינע האָט A קראַפט, די צווייטע B, וועט דער ווילן פון אָרגאַניזם זיין A–B. א פּאָליטיש געזונט קינד קאָן דעריבער האָבן מער ווילן ווי א ריז, וועמענס כּוחות זענען פּאַראַליזירט.

געזעצן אין לאַנד זענען דעריבער אין אינטערעס פון דעם כּוח, וואָס איז פּאָליטיש שטאַרקער. אין א מלוכה הערשן אָפט שוואַכע כּוחות בלויז דערפאַר, ווייל די שטאַרקע רייסן זיך אַרום און ליקווידירן זיך. למשל, אויב אין אָרגאַניזם זענען דאָ דריי כּוחות, צוויי שטאַרקע און איינע א שוואַכערע, קאָן זיך טרעפן, אַז די שוואַכע זאָל קומען צו דער מאַכט, ווייל די שטאַרקע קעמפן צווישן זיך, בלייבט איבער פון זייערע כּוחות אַזאַ טייל וואָס איז שוין קלענער פון שוואַכן כּוח אין אָרגאַניזם. אין אַזאַ פאַל איז דער וועג צו דעגענעראַציע אָפן. אויב די גרופּע וועט אויסנוצן די לאַגע פאַר אירע אינטערעסן,

וועט זי צרויסרופן קראַנקהייטן אין אָרגאַניזם פון וועלכע זי וועט אַליין פאַלן אַ קרבן (זע ווייטער וועגן קאַטאַסטראָפעס).

איצט איז שוין לייכט צו פאַרשטיין וויאַזוי קומט דער יורידישער פּראָצעס פאָר אין מענטש. אויך זיינע באַשטימונגען, באַשלוסן זענען דער אויסדרוק פון פּאָליטישן איבערגעוויכט פון איין כּוח איבערן צווייטן אין אים. זענען די כּוחות נישט רעגולירט, דאָס נשמה־לעבן חרוב, צעריסן, ווערט דער יחיד ווילנלאָז. ממילא איז קלאָר, אַז אויב מען וויל האָבן ווילנס־קראַפט, דאַרף מען רעגולירן די אינער־פּאָליטישע באַציאונגען. וויאַזוי, וועלן מיר רעדן ווייטער, פריער מוזן מיר אָבער נאָך קלאָר מאַכן די שפּראַך־פראַגע.

וואָרט און געזעץ.

איצט וועלן מיר באַטראַכטן דעם יורי־פּראָצעס אין יחיד. פאַרוואָס רופט איר טייל ווערטער באַשלוסן און אַנדערע נישט? וואָס איז באַשלוס? באַטראַכטן מיר זאַצן:

1) די בלייפעדער איז רויט. 2) דאָס איז אַ טיש. 3) איך וועל גיין אין טעאַטער. 4) דאָס איז אונזער באַקאַנטער.

כּדי איך זאָל זיי זאָגן דאַרף איך פריער אורטיילן. צי אין אַלע 4 פאַלן איז דער אורטייל אָנגעקומען גלייך לייכט? מיר ווייסן, אַז אַמלייכטסטן איז אָנגעקומען דער צווייטער אורטייל. דער ערשטער האָט שוין געפאָדערט באַטראַכטונג (נישט אַלע מאָל און נישט פאַר יעדן), דער דריטער האָט געפאָדערט נעמען אין אַכט אַלע אומשטענדן פ אַ ר און ק ע ג ן גיין אין טעאַטער. ווען וועט איר זאָגן, אַז איר האָט באַשלאָסן יאָ צו גיין? ווען די מאָטיוון „פאַר" האָבן באַזיגן די מאָטיוון „ק ע ג ן". זענען די אורטייל־פּראָצעסן אין זאַץ „דאָס איז אַ טיש" אַנדערע? דאָס איז אַ טעות. אין אַלע 4 פאַלן זענען געווען „פאַר" און „קעגן"־מאָטיוון. אַ נישט וואָלט מען נישט באַדאַרפן זאָגן „דאָס איז אַ טיש". „די בלייפעדער איז רויט" האָט מנצח געווען דעם אורטייל „די בלייפעדער איז נישט רויט". ווען איר זאָגט עפּעס,

הייסט, אַז איר אורטייל קענגזאַצן אין דאָס, וואָס קומט פון אורטייל איז געזעץ. געדאַנקען זענען דעריבער יורי־דישע באַגריפן. אויב איר האָט, אַז גאָר דער זאַץ „כ'וועל גיין אין טעאַטער" איז באַשלוס, איז עס דערפאַר, ווייל עס זע־נען דאָ שטאַרקע פאַקטאָרן קעגן גיין אין טעאַטער. וואָלטן נישט געווען קיין סבות נישט צו גיין, וואָלט איר נישט באַדאַרפן זיך אָנשטרענגען, כדי צו דערגרייכן אייער באַשלוס וועגן גיין אין טעאַטער. אייער באַשלוס איז דעריבער דאָס זעלבע, וואָס אין מלוכה געשריבן געזעץ. אויך אין דער מלוכה נעמט דער קאָ־דעקס אַריין נאָר אַזעלכע געזעצן, וואָס וואָלטן נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן אָן מאַכט־סאַנקציעס פון די הערשנדיקע איבער דער מינדערהייט. דאָס, וואָס די טיילן פון אָרגאַניזם אַנער־קענען אָן צוואַנג, ווערט נישט פאַרפּראָטאָקאָלירט אין קאָדעקס. דאָס געשריבענע געזעץ איז דעריבער אַזאַ באַגריף, וואָס ווערט נישט אנערקענט פון אַלע כוחות אין אָרגאַניזם. און דעריבער רופט איר דעם זאַץ „כ'וועל גיין אין טעאַטער" באַשלוס און דעם זאַץ „דאָס איז א פעדער" האָט איר נישט פאַר קיין גע־זעץ". פונקט אָבער ווי דער זאַץ „אייזן־קערפּער איז שווערער פון דער זעלבער גרייס האָלץ־קערפּער" איז א געזעץ, הגם עס איז נישט פאַרשריבן אין קאָדעקס, אַזוי איז דער זאַץ „דאָס איז א טיש" אויך א יורידישער באַגריף. דאָס געשריבענע געזעץ קאָן מען אָנרופן מיט נאָך פאַרשידענע נעמען, כדי עס אונטערצו־שיידן פון נישט געשריבענעם, אָבער דאָס וועזן איז איינס און דאָס זעלבע.

צוליב קלאָרקייט טיילן מיר געזעצן אויף אינפאָרמאַטיווע און באַשליסנדיקע. דער זאַץ „דער טיש איז זייגער" איז אַן אינפאָרמאַטיווער, ווייל מיין אורטייל האָט נישט געצילט, אז ער זאָל האָבן דעם טיש און נישט קיין אַנדערער. דער זאַץ „דער טיש זאָל זיין זייגער" וועט זיין געזעץ אויב דער, וואָס האָט אים געזאָגט, האָט איבערגעוויכט איבער די כוחות, וואָס שטעלן זיך אַקעגן. די יורי פאַרנעמט זיך נאָר מיט באַגריפן פון נישט

אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער. די נישט-אינפאָרמאַטיווע געזעצן פון אָרגאַניזם רופט מען אויך באַשלוסן.

אין א פּאָליטיש-צעריסענע מלוכה איז די געזעץ-וועלט צע-פּליקט. יעדע נייע רעגירונג שאַפט אנדערע געזעצן, פאַראָרדנונ-גען. איין געזעץ טרייבט אין גיכע דאָס צווייטע. דאָס ערשטע האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצופירן די פונקציעס, צוליב וועלכע ער איז אַנטשטאַנען, רייסט זיך אריין אַן אַנדערס. אויך אין יחיד געשעט דאָס זעלבע. ווען ער איז צעריסן קאָן ער צו קיין באַשלוס נישט קומען, ווייל ער האָט נישט אין זיך קיין אָר-גאַניזירטע יורידישע אינסטיטוציעס. אַלץ אין אים איז צופעליק. יעדער כּוח, וואָס האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער מאַכט שאַפט זיינע קאָנסטיטוציס, וועלכע ווערן געטרעטן פון די קעגנערישע כּוחות אין אָרגאַניזם. באַלד קומען אַנדערע און צעטרעטן די פריערדיקע און אזוי כּסדר. דאָ איז דער קוואַל פון קראַנק נשמה-לעבן, פון קראַנקער שפּראַך און דער וועג צו פאַרברעכער וועלט. דער עולם איז זיך טועה, אויב ער רעכנט אריין אין די פאַרברעכער וועלט נאָר די, וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן דורך די מאַכט-אָרגאַנען. פאַר פּאָליטישע מעדיצין איז יעדער פּאָליטיש-צעריסע-נער מענטש א מיטגליד פון דער קאַטעגאָריע. נאַפט איז א ברען-מאַטעריאַל נישט דאַן נאָר ווען עס ברענט, נאָר שטענדיק, ווייל עס קאָן ברענען ביי געוויסע באַדינגונגען.

א יחיד וואָס איז אינער-פּאָליטיש צעריסן (נשמה) צע-רייסט די געזעצן פון אָרגאַניזם אין וועלכן ער איז א קער-פּער. א געזונטער טיפּ, וועט אָנשטרענגען זיין גאַנצן איינפלוס אויף צו שאַפן נייע געזעצן, וועלכע זאָלן אַנטשפּרעכן זיינע אינטערעסן. א צעריסענער איז נישט פעיק צו דער אָנשטרענ-גונג פון שאַפן און דעריבער רייסט ער און צעשטערט די אַלטע. ער מאַכט חרוב. ווו ער רירט זיך צו פוילט. ער צעקאַלעטשעט די שפּראַך, טראַדיציע, ברעכט מנהגים, צעשטערט זיין פאַמיליען לעבן, שטורמט די מלוכה-אָרדנונג און שאַפט נישט קיין נייע. שאַפט כאַאָס, ווערט דינאַמיט פאַרן לעבן.

קאַטאַסטראָפעס און יורי.

ווען מיר זעען, אַז אַלע קולטורן האָבן אין זיך עלעמענטן פון קאַמף פאַר גערעכטיקייט איז פאַר אונז אין פלוג א וואונדער. פאַרוואָס היט אַזוי דער אָרגאַניזם דאָס געזעץ? מיר ווען אָבער לייכט דאָס פאַרשטיין פון אונזער שטאַנדפונקט. מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז כדי א געזעץ זאָל געבוירן ווערן, מוז דער אָרגאַניזם זיין א געזונטער. דער געזעץ־געבער מוז קאָנען אורטיילן. אויך דער געזעץ־נעמער (יעדער יחיד אין אָרגאַניזם) מוז זיין אורטייל־געזונט. אין קעגנפאַל וואָלטן די געזעצן נישט געקאָנט פונקציאָנירן. אויב „רויט" וועט פאַר איינעם זיין „געל" און פאַרן צווייטן „ראָזע", וועלן די טיילן אין אָרגאַניזם נישט קאָנען זיך פאַרשטענדיקן. ווען מיר וועלן זיך אויסקשטעלן פאַר א קינד און זאָגן אויף א רויטע בליישטיפט, אז זי איז „רויט" און די צווייטע רויטע, אַז זי איז „געל", און אויב דאָס קינד קאָן זיך נישט אויף קיין קאָלירן, וועל איך ביים קינד אָפּטויטן די אורטייל־פעיקייט, איך וועל צעשטערן זיין יורידישן אינסטרומענט. אויב איך וועל עס אָפט איבערחזרן אויך מיט אַנדערע באַגריפן, וועט דאָס קינד פאַרלירן בכלל די פעאיקייטן צום אורטיילן, אין נשמה־לעבן פון קינד וועט אַנטשטיין א מוראדיקער כאַאָס, וואָס וועט דערפירן צו א קאַטאַסטראָפע — צו משוגעת. דער ערשטער סטאַדיום פון פאַרלירן אורטייל־פעאיקייטן וועט אָבער זיין געפערלעך פאַרן אָרגאַניזם אין וועלכן עס איז א מיטגליד. עס וועט נישט קאָנען אונטערשיידן פון גוט און שלעכט און ממילא שעדיקן דעם אָרגאַניזם. וואָס לערנט אונז די יורי־לערע פון פאָליטישער מעדיצין?

מיר שטעלן פעסט, אַז אומגערעכטיקייט איז א קוואַל פון קאַטאַסטראָפעס.

וויאַזוי?

דער הערשנדיקער כוח, (אויב ער דעגענערירט) האַנדלט קעגן די אינטערעסן פון פאָלק. אַזויאַרום קאָן ער אָבער נישט בלייבן ביי דער מאַכט. כדי זיך וואָס לענגער האַלטן ביי דער

מאַכט, מוז ער ברעכן דעם אָפּמאַך פון אָרגאַניזם, און שאַפן מיט געוואַלט אַ נייע קאָנסטיטוציע. אָבער אויך די האַלט ער נ'שט. ער באַנוצט זיך מיט אַ גאַנצן אַפּאַראַט, כּדי אונטערצודריקן דעם ווילן פון דער אָפּאָזיציע. כּדי דאָס צו דערגרייכן דעפאָרמירט ער די באַגריפן, צעקאָלעטשעט אמתן, וועלכע זענען הייליק ביי דער אונטערגעדריקטער אָפּאָזיציע. די באַגריפן ווערן געטויטשט גערעכטיקייט פון דער אָפּאָזיציע ווערט דערקלערט אַלס אומגערעכטיקייט. און דאָס רופט ווייטער אַרויס אַ שטורעם אין די נשמות פון די יחידים, זייערע איבערגעזעצן ווערן געשטערט. עס אַנטשטייען בונטן, רעוואָלוציעס אין אָרגאַניזם פון יחיד (ביים שוואַכערן טייל, וואָס איז געווען פּאַליטיש כּמעט צעריסן און קוים זיך געהאַלטן ביי דער מאַכט), די יורידישע אינסטיטוציעס פון יחידים בשמה ווערן חרוב, און ממילא איז ער נישט פּעאיק אָפּצושאַצן רעאַלע ווערטן. פון דאַנען איז נאָר איין טריט צו קאַטאַסטראָפעס.

מיר האָבן שוין דערקלערט, אַז אין געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם איז דער יחיד אָדער גרופּע נאָר דאָס, וואָס די פונקציע זייערע טוט. אויב טויזנט יחידים פאַרנעמען זיך מיט זע־פונקציע זענען זיי אין קאָלעקטיוון אָרגאַניזם דאָס אויג. ווען די פּאָליטישע אָרדנונג אין אָרגאַניזם דערלאָזט נישט, אַז יעדער יחיד זאָל אויספירן אזא פונקציע, צו וועלכער ער איז אַמבעסטן פּעאיק, הייבט דער אָרגאַניזם אָן צו דעגענערירן.

אויב אַ יחיד וואָס האָט אַן אויג־פונקציע, אָדער מוח־פונקציע לויט זיינע פעאיקייטן ווערט גענאַרט פון אָרגאַניזם און געצוואונגען צו אַ פאַלשער פונקציע, וועט ער, אויב ער וועט נישט קאָנען ווערן רעוואָלוציאָנער אַליין דעגענערירן זיך און דעגענערירן דאָס לעבן. ער וועט אויספירן זיין פונקציע אומלעגאַל. אַ געבוירענער כעמיקער, ווען דער אָרגאַניזם לאָזט נישט צו צו זיין פונקציע, וועט ברעכן די געזעצן און אויספירן זיין שליחות. דאָס מישן מילך מיט וואַסער איז אַ באַווייז פון פּאַטאָלאָגיע. דאָס איז שכר פון צעמישטן לעבן. אויב די פּאָליטישע אָרדנונג אין אַ לאַנד הונגערט אויס און נעאוראַסטעניזירט

איר לערערשאַפט, ווערט די יוגנט אויך געאוראַסטעניזירט, חרוב. אַזאַ מלוכה קאָן זיך ממילא נישט פאַרטיידיקן שפּעטער און גייט אונטער.

דער אונטערגעדריקטער יחיד, וואָס האָט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט א דאַנק דער יורידישער קאַטאַסטראָפע, ווערט דינאַמיט פאַרן לעבן. דער פּראָטעסט אין יחיד וועט זיך אויס־דריקן אין 2 וועגן: 1) ער וועט ווערן א רעוואָלוציאָנער, דאָס הייסט, ער וועט קעמפן קעגן דעגענעראַציע פון מלוכה־אָרגאַניזם. דאַן איז ער נישט באַדראָט, ווייל ער האָט א דאַנק זיינע כּוחות. געראַטעוועט זיין יורידישע אינסטיטוציע, און וואַרפט אָפּ קאַטע־גאָריש די געפעלשטע אמתן פון דער מאַכט, און דערמיט שוצט ער זיין אורטייל־קראַפט. אין דעם פאַל ווערט ער דינאַמיט פאַר דער פּאָליטישער אָרדנונג, אָבער א געזונטער כּוח פאַרן לעבן (אויב די מאַכט איז קעגן די אינטערעסן פון פאָלק).

2) ער וועט פּאָליטיש צעריסן ווערן, אלע אמתן אין אים ווערן מטושטש, און דאַן ווערט ער א נעאוראַסטעניקער און דער פּראָטעסט זיינער וועט קומען צום אויסדרוק אין צעשטערן און חרוב מאַכן.

אויב א באַלקאָן פאַלט אַראָפּ מיט מענטשן, איז עס אַ באַוויז פון נעאוראַסטעניע. ווייל די מענטשן האָבן דאָך שלעכט געאורטיילט, זיי האָבן נישט פאָראויסגעזען, אַז דער באַלקאָן וועט נישט אויסהאַלטן 20 מאַן. עס קאָן אויך געשען, אַז א יחיד זאָל גורם זיין א קאַטאַסטראָפע מחמת דעם, ווייל ער איז נישט אינטעליגענט, אָדער ווייל ער איז אומוויסנד. אין ביידע פאַלן איז עס אָבער צוליב סאָציאַלע אומגערעכטיקייט. א געזונטער אָרגאַניזם (ד. ה. אַזעלכער אין וועלכן עס הערשן גע־זעצן) פּראָדוצירט פאַר זיך אַזויפיל אינטעליגענץ און וויסן, וויפיל עס איז אים נויטיק צום שוץ. אָבסערווירט וויפיל וויסן און אינ־טעליגענץ שאַפט דער ראַטנפאַרבאַנד אין פאַרגלייך מיט אנדערע לענדער, וועלכע געפינען זיך אין ירידה־צושטאַנד.

רעוואָלוציעס, טעראָר־אַקטן, אויפשטאַנדן, זענען דירעקטע רעזולטאַטן פון יורידישער צעמישונג אין אָרגאַניזם.

אויב אין א אומלעגאלע פארטיי קומען פאר אין איין יאר מער פאלן פון „פארשיט ווערן“ ווי אין אנדערן, זענען עס רעזולטאטן צווישן אנדערע סבות פון מאנגל אין פרייהייט ביי די מיטגלידער. אויב די פארטיי צווינגט אנצונעמען געוויסע אמתן מיט געוואלט, הרגט זי אפ ביים מיטגליד די מעגלעכקייטן פון קאנספיראציע. דער מיטגליד באקומט א קראנקהאפטן אורטייל־אינסטרומענט און ווייסט נישט וויאזוי זיך צו היטן. אויב אין ענגלאנד זענען אין יאר 1935 פארווונדעט געווארן 2:8000 מענטשן און 6000 געהרגעט געווארן פון קאמוניקאציע־פארפאלן, איז עס א רעזולטאט פון *אומגערעכטיקייט*.

פארוואס איז דער שאפער ארויף אויפן מענטש? ווייל ער האט *געאורטיילט* שלעכט לויט אים איז אויסגעקומען, אז דער פוסגייער וועט פריער באוויזן אדורכצוגיין. זיין אורטייל־אינסטרומענט פונקציאנירט נישט גוט. פארוואס איז עס אזוי? ווייל ער איז צעריסן, געאוראסטעניזירט. פארשט ווייטער אזא יחיד, וועט איר אויסגעפונען דעם מקור.

מען איז באגאנגען לגבי אים עוולות, מען צאלט אים פאר 20 זל. ארבעט נאר 10. גיט מען דאך אים 10 זל. און מען זאגט אים אז עס איז 20. דאס רופט ארויס ביי אים פראטעסטן. צוליב פארשידענע סיבות איז ער נישט קיין געזעלשאפט־מענטש און דער פראטעסט קומט נישט ארויס. בלייבט ער אינעווייניק שטורעמט און מאכט חרוב אלץ. כדי זיך צו באַרויקן טענהט דער שאפער מיט זיך, אז אפשר זענען זיי גערעכט. ער צערייסט זיין פריערדיקן אורטייל, וואס ער האט אליין געשאפן, (אז „זיין ארבעט איז ווערט 20 זלאטעס“). דאס לאזט זיך נישט אזוי לייכט, מען מוז דערביי ברעכן די אינערגעזעצן, וואס האבן דעם אורטייל געשאפן, מען מוז אין זיך אנהייבן *אומלעגאל* לעבן און דאן ווערט דער אורטייל־אינסטרומענט אפגעטעמפט. דאס איז שוין איין טריט פון קאטאסטראפעס. די געזעלשאפט פאלט דעריבער א קרבן פון אירע מעשים. אונזער געזונט־צושטאנד איז אפהענגיק פון אונזער שכן געזונט־צושטאנד, נישט בלויז אין

פיזישן זין, נאָר אויך אין יורידישן. אויב אונזער שכן האָט נישט קיין געזונטן יורידישן אינסטרומענטן, אויב ער איז אינערלעך צעריסן, וועל איך פאַלן א קרבן דערפון. די מלוכות וועלכע גיבן זיך נישט אָפּ קיין דין וחשבון, אז זיי מוזן זאָרגן וועגן געזונט פאר די שכנים זייערע, גרייטן פאר זיך צו א טויט־אורטייל. אויב אין ענגלאַנד האָט מען פראָטעסטירט קעגן האָאַר און לאַוואַל־אָפּמאַך קעגן אַביסיניען (1935) האָט מען זיך דאָרט פארטיידיקט.

ווען דאָס וואָלט נישט געשען, וואָלט די פסיכיק פון די ענגלענדער באַדראָט געוואָרן, די יורידישע באַגריפן וואָלטן גע־שטפּרט געוואָרן און דעם פאָלק וואָלט געדראָט נעאוראָסטעניע.

די ענגלענדער האָבן פארטיידיקט זייערע נערוון, זייער נשמה־לעבן.

דער רוף צו צדק פון די יידישע נביאים, איז געווען נישט בלויז אַן אידעע פון בטלנים, נאָר א רוף צום פסיכישן געזונט פון מענטש און פאָלק.

וואָס איז זעען? דערקענען („כ'וועל זעען צי איר זעבט גערעכט"). ברעכט איינער דאָס געזעץ ווערט ער נעאוראָסטעני־זירט און הערט אויף צו דערקענען, איז זיך כסדר טועה, קאָן נישט אָפּשאצן רעאל פאַקטן, ווערט בלינד. דער שורש פון נערוון־קראַנקהייטן, פאַרפאַלן, קאַטאַסטראָפעס און פארשידענע עפּי־דעמיעס איז אין פּאָליטישן לעבן, איז אָפּהענגיק פון גערעכ־טיקייט.

די ווערטער „צדקה תציל ממות" אין זין פון געבן נדבות, איז א פאַרקריפּלונג פון הערלעכן פרינציפּ, אז טויט איז אָפּ־הענגיק פון אוּמגערעכטיקייט.

סימבאָלן און קדושה־פּראָבלעם

ווען א געליבטע פּ־וי שטאַרבט, ווערט פאַרן ליבהאָבער טייער זיין אַלץ, וואָס האָט געהאַט א שייכות מיט איר. דאָס אָרט, וו זיי האָבן שפּאַצירט. איר צימער, מלבושים א. א. וו. ע־ וועט אַלץ אויפהאַלטן. נאָכן טויט פון באַרימטע מענטשן

(דיכטער, פֿאָלקס־העלדן) ווערן געשאַפֿן מוזייען, וועלכע זאַמלען אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן פֿאַרשטאָרבענעם.

אין ערשטן פֿאַל, וואָס מיר האָבן דערמאָנט, ווערט דער ליבהאָבער טון דאָס זעלבע, וואָס עס טוט די געזעלשאַפֿט לגבי דעם העלד. וואָס איז די סיבה פֿון אַזאַ האַנדלונג? וואָס איז דאָס אַנדענקונג? פֿאַרוואָס שטעלט מען דענקמעלער? פֿאַרוואָס זענען פֿענער הייליק?

באַטראַכטן מיר סימבאָלן און דעם יראת הכבוד, וואָס מענטשן ווייזן אַרויס פֿאַר זיי, זעען מיר, אַז אַלע האָבן איין געמיינזאַמע אייגנשאַפֿט: זיי שטאַרקן די, בײַ וועמען זיי זענען הייליק. דעריבער זאָגן מיר, אַז קדושה באַזיצט יעדער סימבאָל, וואָס איז אַן ענערגיע־קוואַל. דער וועג אויף וועלכן עס איז נעגאַנגען דער נאַציאָנאַלער אָדער סאָציאַלער העלד ווערט זײַן הייליק בײַם פֿאָלק, ווײַל קומענדיק דאָרטן, ווירקט יעדער שטיין אויף אים, אַז ער זאָל זײַן אַ איינער פּאָליטיש לעבן (נשמה־לעבן) שטאַרקן.

ווען אַ שוואַכער מענטש (ווילנלאָז) לייענט העראָאישע שילדערונגען, און באַמיט זיך זיי איבערצולעבן, ווערט דאָס ווירקן אויף זײַן אינער־פּאָליטיש אויפֿלעבונג. אין דעם טאָג ווערט ער האַסטיקער פֿירן דעם קאַמף מיט זײַנע שוואַכקייטן.

צוליב דער זעלבער סיבה זענען בײַ יידן אַנטשטאַנען מזוזות, ציצית, תּפֿילין, קמיעות. די ציצית האָבן געדינט דעם נשמה־קאַמף. זיי האָבן באַדאַרפֿן דערמאָנען דעם ייד ווען גאָט.

ווען קריסטן ביקן זיך פֿאַר אַ צלם איז עס דאָך פֿאַר דעם, וואָס איז אויף אים געקרייצט געוואָרן, פֿאַרן מאַרטירער. אין זייער שוואַכקייט, נשמהדיק צעריסנקייט, קומען זיי זוכן הילף בײַ דעם, וואָס האָט געהאַט מאַכט צו גיין אויף דער תּליה פֿאַר אמת. דער צלם איז נאָר סימבאָל. קומענדיק צו אים לעבט אין זייער פּסיכיק אויף אַלץ, וואָס זיי ווייסן פֿון אים, די בילדער באַקומען שאַרפֿע קאָנטורן. זיי זעען דעם אַקט פֿון

העלד, זיין לעבן, זיין גרויסע מלחמה, וואָס ער האָט גע־
פירט און די גבורה פון שטאַרבן פאַרן אידעאַל.

סימבאָלן זענען דעריבער היילונגס־קוואַלן און מאַכט־ווי־
טאַמינען אין קאַמף פאַר באַפרייאונג איין מענטש.

שטימע סימבאָלן שרייען וועגן יסורים און פּיין,
וועגן קאַמפן און נצחונות, וועגן העלדנטום און יסורים־לעבן.
דאָס איז אָפט די שפּראַך פון הונדערטער דורות ווייטאָק און
ליידן. זיי זענען הייליק, ווייל זיי היילן די נשמה־ווונדן,
דעם פּאָליטישן קאַמף. ווען אין אַ געוויסן טאָג, וועל איך טון
אַ העלדישן אַקט, וועט דער טאָג ווערן הייליק ביי מיר, ווייל
יעדעס יאָר אין דעם טאָג, וועל איך זיך דערמאָנען מיין מאַכט
און כ׳וועל אויפלעבן צום קאַמף. אַ מינוט קאָן דעריבער ווערן
אַ סימבאָל אַזוי גוט ווי אַ זאַך, אַ קוואַל פון ענערגיע.

דערפון נעמען זיך די יום־טובים, נאַציאָנאַלע רעלי־
גיעזע, סאָציאַלע. זיי זענען מאַכט־סימבאָלן.

ווען אויף אַ פראָנט וועט זיגן אַן אַרמיי אין קאַמף מיטן
שונא, און דער גענעראַל־שטאַב וועט מעלדן וועגן די נצחונות,
וועט די ידיעה אַריינגיסן אַ ניי לעבן אין די מיליטער־כּוחות,
וואָס האָבן שוין פאַרלוירן זייער גלויבן אין זיג. ווען די ידיעה
וועט צוליב אַ קאַטאַסטראָפע נישט אָנקומען, וועט דער נצחון
נישט שטאַרקן פּסיכיש צום קאַמף. זעען מיר אַלזאָ, אַז אַ נצחון קאָן
זיין אַ קוואַל פון נצחונות, נור דאַן, ווען דער אָרגאַניזם ווייסט
פון נצחון. ווען ער דערהאַלט די ידיעה רופט עס אַרויס אויפ־
לעבונג אין דער נשמה פון יחיד. אַ סימבאָל ווירקט אַלס אַן
עדות פון נצחונות.

סימבאָל און רעליגיע.

איידער מיר וועלן צוטרעטן באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם
פון רעליגיע, דאַרף מען גוט פאַרשטיין דאָס קדושה־פּראָבלעם
און דאָס פּראָבלעם פון יורי, ווייל, ווי מיר וועלן אויפווייזן־
פון קדושה פלוס יורי איז אַנטשטאַנען רעליגיע.

דאָס קאָן דורך יעדערן עקספּערימענטירט און פעסטגעשטעלט ווערן, און דער חשובער לעזער, וואָס וויל אונז פאַרשטיין, דאַרף עס אַדורכפירן, און ערשט דאַן וועט ער גרונטלעך די פראַגע קאָנען באַהאַנדלען. עס פאָדערט אָבער צייט און געדולד, און אומבאַדינגט צוצופּאַסן זיך צו אונזערע אָנווייזונגען.

לאָמיר אָננעמען, אַז איר באַזיצט אייניקע שלעכטע מידות, וועלכע איר ווילט באַקעמפן און איר זענט אומבאַהאָלפן. וואָס איז די סיבה פון אייערע מפּלות? אייער פיזישע שוואַכקייט? אייער אָרימקייט? די ביידע פאַקטאָרן קאָנען האָבן אַ ווירקונג, נאָר דאַן, ווען זיי קומען. אויב איר זענט געווען רייך, וועט די פּלוצלינגע פאַראָרימונג אַרויסרופן אין אייער נשמה אַ חורבן, ווייל די פּאָליטישע כוחות אין אייך וועלן אָנהייבן אַ פאַרביטערטן קאַמף. די אָפּאָזיציע וועט פאַרוואַרפן, אַז איר זענט אָרים געוואָרן צוליב אייער שולד. און דאָס קאָן ווערן אַ קוואַל פון פּאָליטישער צעריסנקייט פאַר דער נשמה, עס קאָן אָבער זיין פאַרקערט. אַז דאָס אָרים ווערן וועט אייער נשמה היילן, אויב איר זענט פריער געווען דעגענערירט. איצט וועט קומען אַ נייע מאַכט אין אייך, די אונטערגעדריקטע אָפּאָזיציע, און אייך געבן אַ נייעם לעבן־אינהאַלט. דעריבער דאַרפן מיר פאַרשטיין, אַז שוואַכקייט קאָן ווירקן פאַטאַל, ווען זי איז ערשט געקומען, אָבער אויב זי איז פריער געווען, ווירקט זי נישט פּאָליטיש, האָט נישט קיין איינפלוס אויף דער פּאָליטישער לאַגע אין מענטש.

דעריבער קאָן אַ יחיד באַדראָט ווערן נאָר פון ענדערונגען. דער פאַקטאָר „שוואַך" „אָרים" באַאיינפלוסט די נשמה־לאַגע, ווען מען איז שוואַך אָדער אָרים געוואָרן, ד. ה. פריער איז מען געווען אַנדערש.

ווען צוויי רייזן וועלן זיך שטופּן אין קעגנגעזעצטע ריכטונגען, און ביידע זענען פון גלייכע כוחות, וועלן זיי זיך נישט רירן פון אָרט. דאַקעגן, ווען קינדער בלוטלאָזע וועלן שטופּן איינס

דאָס אַנדערע (און איינס איז שוואַכער) וועלן זיי זיך יאָ רירן פֿון אָרט.

אויב איר זענט אַ ווילגלאָזער, שוואַכער און איר ליידט פֿון מאַכטלאָזיקייט, וועלכע שטערט אייך אין לעבן, און זיי זענען לאַנגיעריקע שוואַכקייטן, טיף פֿאַרוואָרצלטע, טאָרט איר ניט אָנהייבן זיי צו באַקעמפֿן. אין קאַמף מיט זיך מוז מען באַנוצן סטראַטעגיע.

ווען איר טרינקט אַ סך בראָנפֿן, טאָרט איר נישט אויפֿהערן טרינקען, ווייל די רעאַקציעס וועלן זיין גרויזאַמע. יעדער קאַמף רופֿט אַרויס אַ קעגן־קאַמף. פֿאַרוואָס? ווייל יעדער טאַט שאַפֿט אין אָרגאַניזם פֿונקציאָנען, וועלכע פֿירן אים אויס. לאָמיר באַטראַכטן דעם בראָנפֿן־טרינקער. פֿאַר אַ טייל קעמערלעך איז בראָנפֿן נוצלעך, פֿאַר אַנדערע שוין ווייניקער, פֿאַר דער מערהייט — שעדלעך. איר ווייסט דאָך, אַז יאָד (יאָדינע), וואָס איז אַ סם פֿאַרן מענטש דינט גלייכצייטיק דעם לעבן. זנות, וואָס קאָן ברענגען שאָדן מיליאָנען, ברענגט נוצן הונדערטער (אַלפֿאָנסן). יעדער נעגאַטיווער פֿאַקטאָר האָט אַ פּאָזיטיווע זייט און אַ דאַנק דעם עקזיסטירט ער. אין אָרגאַניזם לעבן קעמערלעך פֿון סם, וואָס זיי פֿאַרשאַפֿן דעם אָרגאַניזם. באַזייטיקן שלעכטס קאָן מען אָן צעטרייסלונג ערשט דאַן, ווען מען גיט די סם־קעמערלעך אַנדערע לעבנס־מעגלעכקייטן.

פֿון דעם איז קלאָר, פֿאַרוואָס מען טאָר נישט וועלן ווערן אַ צדיק מיט אַ מאָל. מען מוז פֿירן אַ פֿאָרזיכטיקן קאַמף מיט זיך, מען מוז פֿריער באַזאָרגן דאָס „רשעות", וואָס מען האָט אין זיך, דאָס „שוואַכע", אַז זיי זאָלן זיך קאָנען אויסלעבן.

אין יעדער מלחמה מוז מען קאָנען דעם קעגנערס כּוחות און אַרויס אין קאַמף נאָר דאַן, ווען מען האָט מער כּוחות פֿון שונא, אָדער בעסער אָרגאַניזירט טעכניש. אויך דאַן איז אַ שאָד פֿאַרגיסן אומזיסט בלוט. מען דאַרף שוינען דעם אייגענעם זעלנער, פֿירן אַ פּאַרטיזאַנער קאַמף, נישט טרעפֿן זיך מיטן שונא אויף פּאָזיציעס, וואָס זענען פֿאַר אים גינסטיקע, אַריינציען אים אין אַ שווערן מצב א. א. וו. דאָס מוז אויך געטון

ווערן אין מלחמה מיט זיך. טויזנטער מאָל מוז מען אַרומגיין דאָס שלעכטס, ביז מען מעג זיך צורירן דערצו!

אויב איר זעגט אַלזאָ שוואַך איז אייער ערשטער הילף גישט צו פאַרגעסן אין אונזער וואָרנונג. אַ טריט נאָך אַ טריט. רוט אייך אָפּ פון איינעם צום צווייטן, פאַרפעסטיקט די פּאָזיציעס, וואָס איר האָט שוין פאַרנומען, און ערשט דאַן גייט ווייטער. פירט נישט קיין קאַמף אויף פאַרשידענע פראָנטן, זינדיקט ווייטער, אויב איר ווילט נישט מער זינדיקן.

נאָר דער וועג פירט באַרג אַרויף. דעם שפּיץ פון די אַלפּן מעגט איר זען, איר מעגט חלומען וועגן עליה, שטרעבט אים צו דערגרייכן, אָבער גרייטן מוזט איר זיך אויף אַ קליין בערגלע, איבן זיך, וואַנדערן אָפט, לערנען זיך. קלעטערן רויק און רויק.

באַדייטונג פון כוונה.

מיר האָבן שוין דערמאַנט, אַז נצחון אַליין קאָן שטאַרקן דעם אָרגאַניזם ערשט דאַן, ווען ער האָט דעם באַוווּסטזיין פון טאַט. אויב איר שטרענגט זיך אָן, דאַרף דער אָרגאַניזם וויסן דערפון. ער דאַרף אויך וויסן די מאָטיוון פון דער אָנשטרענגונג, ווייל אין קעגנפאַל וועט ער אייך נישט געבן די נויטיקע ענערגיע. איר מוזט פירן אַ „פּראָפּאַגאַנדע” פאַרן צוטרעטן צו אַ טאַט. איר דאַרפט אים באַטראַכטן אַלזייטיק, זיינע אייגנשאַפטן, פאָלגן, וואָס קאָנען אַרויסקומען דערפון. די שוועריקייטן בײַם רעאַליזירן, דער נוצן, וואָס עס וועט געבן. טוט נישט אַ טאַט אָן כוונה, ווייל אין קעגנפאַל וועט עס אַרויסרופן נעגאַטיווע רעאַקציעס. די כוחות אין אייך, וועלכע זענען הונגעריק צום שלעכטס, וואָס איר האָט זיי געגעבן ביז הײַנט, מוזט איר פריער באַרויקן. איר דאַרפט נישט רעדן מיטן מויל. זעט, אַז דאָס מויל זאָל בכלל אייך נישט שטערן מיט ווערטער טראַכט נאָר און באמת זיך, אַז דער געדאַנק זאָל קאָנען אַריין אין אייך, ווייל די נעגאַטיווע כוחות, וואָס ווערן

באַדראַט פון אייער געים לעבנסוועג וועלן שוין באַמיען זיך, אַז איר, ד. ה. די נשמה זאָל נישט קאָנען זיך אָרגאַניזירן צו אַ נייַ לעבן, און וועט שטערן אין דער כּוונה, וועט נישט דערלאָזן, אַז די וועלט, וועלכע לעבט אין אייך זאָל הערן וואָס איר טראַכט.

אָן כּוונה וועט אייער לעבן, וואָס איר ווילט זיך שאַפן זיין געוואַלט-טאַט. היט אייך פאַר אַזעלכע אַקטן, מיידט אויס פּיטשן, שטערט נישט די רו, זאָל דער שונא שלאָפן. גישט הרגנען אים, נאָר מאַכן פאַר אַ פריינט, בּיסלעכווייז וועט עס געשען, רויק און געדולדיק!

ערשטער טאָג.

אויב איר האָט אונז פאַרשטאַנען, דאַן נעמט אין אַ פריי-מאָרגן (אין דער שעה, ווען איר זענט כּמעט שטענדיק פריי) אַ העפט, שרייבט אָן די דאַטע (יאָר, מאָנאַט, טאָג, שעה און מי-נוטן). שרייבט איין: „איך הייב אָן פון איצט אַ נייַ לעבן. איך וועל זיך באַמיען צו פאַרבעסערן זיך, איך וועל זיך שטאַרקן און באַרויקן זיך".

ח' לעזער!

מיר גיבן אייך אַ טעקסט, אָבער איר זאָלט קיינמאָל נישט שרייבן די ווערטער, וואָס מיר געבן. דאָס זענען נאָר מוסטערן. שרייבט וואָס איר פילט. פּרוווט מאַכן אַ קליינעם חשבון-הנפש מיט זיך. וועט איר ביי זיך אַרויסרופן געפילן. דערמאָנט זיך פעלערן, אייער לעבן, וואָס איר האָט געוואָלט ווערן, וואָס איר קאָנט ווערן. הייבט אָן ביי קלייניקייטן. קוקט זיך אַרום. די נעגל זענען אפשר צו לאַנג? מען דאַרף זיי אָפּשניידן? אפשר רייניקן? מאַכט די איבונג. שרייבט אָבער איין פאַרן מאַכן „איך באַשליס אָפּצושניידן די נעגל". נאָכן אָפּשניידן — פאַרפראָטאָקאָלירט. קוקט זיך אַרום און געפינט אויס אייניקע קלייניקייטן, וואָס קאָ-נען אויסגעבעסערט ווערן און טוט ווי פריער. צום ערשט פאַר-שרייבט און דערנאָך פירט עס אויס. אויב עס וועט אייך נישט

שטערן אין אייער אַרבעט, דערמאָנט זיך אייניקע מאָל אין דעם טאָג וועגן אייער באַשלוס אָנצוהייבן אַ ניי לעבן און ציילט: „שוין 6 שעה פון נייען לעבן", „שוין 8 שעה פון נייען לעבן" א. א. וו.

צווייטער טאָג און ווייטער.

באַמיט זיך, אַז איר זאָלט זיין פריי אין צווייטן טאָג אין דער צייט, ווען איר האָט אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַרן נייעם לעבן. זעצט אייך ביים טיש אַן ערך צוואַנציק מינוט פאַרן ענדיקן די ערשטע „24 שעה ניי לעבן". אייניקע מינוט באַטראַכט צי איר האָט דערפילט היינט אייערע פליכטן, וואָס איר האָט נאָך צו טון. פאַרשרייבט אייך 3–4 קליינע ווילן-איבונגען. פירט זיי, אויב מעגלעך אַדורך פאַר דער מינוט ווען עס ענדיקן זיך גענוי 24 שעה. פאַרשרייבט אַז איר האָט עס געטון. שרייבט איין: „24 שעה ניי לעבן" און דערנאָך שרייבט צו „צווייטער טאָג ניי לעבן" שרייבט איין: „במשך 24 שעה האָב איך נישט געבראָכן דאָס וואָרט".

פאָרזיכטיק! איר מוזט זיך היטן, אַז איר זאָלט נישט נעמען אויף זיך קיין שווערע אויפגאַבן. בעסער איז אָנצוהייבן ביי איבונגען, וואָס מען קאָן שוין רעאַליזירן און באַלד עס טון. ערשט אין 4-טן טאָג מעג מען אָננעמען באַשלוסן ביז 3 שעה שפּעטער. פון 8 טאָג אָן מעגט איר — ביז 6 שעה, פון דער „500 שעה ניי לעבן" מעגט איר שוין איינפירן באַשלוסן אויף 24 שעה שפּעטער. די באַשלוסן דאַרפן זיין זער לייכטע צום אויספירן און 100 פּראָצ. זיכערקייט, אַז איר וועט עס קאָנען טון.

איילט אייך נישט און שעמט זיך נישט צו זיין שוואַך. לויפט נישט, אויב איר ווילט נישט, אַז מען זאָל אייך יאָגן צוריק. די גרעסטע געפאַר וועט אייך דראָען פון צו פיל וועלן זיגן.

נאָכדעם ווי איר האָט שוין איינגעשריבן דעם צווייטן טאָג

באַמיט זיך, אַז איר זאָלט במשך דעם טאָג טראַכטן וועגן נייעם לעבן, וועגן אייערע פאַרלאַנגען.

זאָגט צו זיך (אָן וועדטער) „40 שעה ניי לעבן" „44 שעה ניי לעבן" „70 שעה ניי לעבן" א. א. וו. ציילט די שעהן, צייט די טעג, שרייבט איין יעדן טאָג וויפיל שעה עס איז אַוועק און וויפיל טעג. צו די 100 שעה ניי-לעבן גרייט זיך עטוואָס צו, פאַרטראַכט זיך וועגן אייניקע איבונגען, וועגן דער הייליקייט פון 100 שעה האַלטן וואָרט. צום 10-טעג פון „נייעם לעבן" גרייט זיך צו אויב איר קאָנט נאָר מיט עפּעס יום-טוב דיקס, גייט אין קינאָ, עסט אַ בעסער מיטאָג א. א. וו. אָן ערך אַ האַלבע שעה פאַרן ענדיקן די צען טעג גרייט זיך אויפצוגע-מען דעם מאָמענט, וואַשט זיך פריער, אויב מעגלעך, טוט זיך אָן אין אַ בעסער אַנצוג. אויב איר זענט פריי אַרבעט נישט דעם טאָג, גרייט זיך אָן אַ רויק בוך, וואָס זאָל געבן אייך רו, שפּאַ-צירט און פאַרברענגט אין געזעלשאַפט.

ח' לעזער!

איר האָט דאָס רעכט פיל צו ענדערן. אַלץ וואָס מיר האָבן געשריבן איז וויכטיק, אָבער נאָך וויכטיקער איז, אַז איר זאָלט גאָרנישט נאָכמאַכן, גאָרנישט טון מעכאַניש, נאָר דערפאַר, ווייל מיר האָבן געהייסן. טוט נאָר דאָס, וואָס גיט אייך פרייד. גליק און רו קאָן מען אָבער האָבן נאָר פון שלום זיין פון זיך, פון שטאַרקן זיך און דערפילן פליכטן.

אויב במשך פון די „צען טעג ניי לעבן", אָדער אנדערן טערמין, וועט איר וויכטיקס ענדערן אין אייער לעבן לטובת דעם אויפבוי, וועט די פרייד אין אייך וואַקסן, ווייל גליק בליט נאָר אויף פעלדער פון פליכטן דערפילטע. די גאַנצע צייט טאָרט איר נישט ענדערן דאָס וואָרט. כל זמן איר זענט שוואַך, זאָלט איר זיך היטן, אַז איר זאָלט ווייניק באַשלוסן אָנגעמען. האָט איר שוין אָנגענומען מוזט איר אויספירן. אַזוי פירט זיך „500 שעה". ציילט זיי ביי יעדער געלעגנהייט. דערמאָנט זיך, אויב איר קאָנט נאָר און זאָגט זיך: 71 שעה בין איך מקיים דאָס וואָרט". „80 שעה"! „85 שעה" א. א. וו. זאָגט זיך: „דאָס וואָרט באַ-

קומט בלוט און פלייש! כ׳ווער שטאַרק! כ׳בין שוין נישט אַזוי מאַכטלאָז, כ׳קאָן זיך שוין עטוואָס באַהערשן! 422 שעה ניי לעבן״ וואָס פאַראַ פרייד צו קאָנען טון וואָס איך וויל!

איר, ח׳ לעזער, געדענקט נישט איבערצוחזרן אונזערע ווערטער. מיר ווייזן אייך נאָר אָן, וויאַזוי זיך צו שטאַרקן. איר דאַרפט עס באַרייכערן מיט אייערע געפילן, מיט האַרץ און וואַרימקייט. דערמאָנט אייך, אַז וואָרט איז נאָר אַ כּלי און אויב מען גיסט נישט אַריין לעבן דערין, איז עס אַ טויטע פראַזע און ווירקט אַבסאָלוט נישט פּסיכיש.

ח. לעזער!

אויב איר האָט די אויפבוי־אַרבעט געפירט לויט אונזערע אָנווייזונגען איז ביי אייך אַנטשטאַנען אַ פראַגע:

אויב אַרויסגעזאָגט וואָרט איז טייער, און מען מוז עס מקיים זיין, איז דאָך מעגלעך, אַז דערמיט פאַרשאַפט איר זיך פיל זאָרג. עס איז דאָך אוממיגלעך, אַז אַלץ, וואָס איר זאָגט זאָלט איר שוין מוזן טון.

מיר שטעלן זיך פאָר, אַז אויב איר דענקט לאָגיש האָט איר געפונען אַן אויסוועג. דאָס דרינגט אַרויס פון אונזער טעאָריע. מיר רעכענען, אַז איר האָט די פראַגע געלעזן אַן אונז אין אַזאַ פאָרם, וואָס איר האָט באַשטימט אַ סימן פאַר די ווערטער, וועלכע איר האַלט פאַר אַ באַשלוס און וועלכע איר ווילט נישט ענדערן.

אויב איר האָט אַזוי געטון, דאַן וועט דערדאָזיקער סימן שטאַרקן זיך יעדן טאָג. מיר ראָטן יעדן טאָג צו ציילן ווי די טעג און שעהן. זאָגן: „20 איבונגען שוין געמאַכט״, „50 איבונגען שוין געמאַכט!״

צום „500־סטע איבונג״ מאַכט זיך אַ יום־טוב, אונטערשיידט דעם טאָג מיט עפּעס, וויפיל די צייט דערלויבט אייך. צוזאַמען מיט יעדן טאָג, מיט יעדער אָנשטרענגונג, וואָס איר וועט טון וועט וואַקסן דער כּוח פון סימבאָל, פון צייכן, פון וואָרט, וואָס מאַכט, אַז אייער באַשלוס זאָל ווערן געזעץ. אויב

איר האָט נאָך נישט געשאַפן זיך קיין סימבאָל, נעמט אָן אַלס ביישפּיל די ווערטער „אַזוי זאָל זיין”. איר קאָנט אָננעמען אַנדערע, אָבער צוליבן עקספּערימענט וועגן דער אַנטשטייאונג פון רעליגיע, טוט עס אַזוי, ווי מיר ראַטן. יעדעס מאָל ווען איר וועט וועלן עפּעס באַשליסן מיט דעם סימבאָל, באַטראַכט זיך פריער אייניקע מינוט. קאָנטראָלירט, צי איר זענט נישט ווילנלאָז. אויב יאָ, מאַכט אַ קליינע איבונג, די מינדעסטע, דערנאָך נאָך אייניקע קליינע, עטוואָס אַ גרעסערע א. א. וו. ערשט דערנאָך טרעט צו צו אַ גרעסערע.

די באַשלוסן, אפילו די קלענסטע, פאַרשרייבט און נומערירט. אַלזאָ אייניקע וואָכן טאָרט איר נישט בכלל ענדערן דעם באַשלוס. די צייט רופן מיר די „זאַמד־צייט”. אייער ווילן איז דאַן אַ שוואַכער און האַלט זיך נישט, ווי זאַמד. (פאַרשטייט זיך, אַז אויב איר זענט שטאַרקער, מעגט איר דעם פּלאַן עטוואָס ענדערן). דעריבער מוזט איר אין „זאַמד־צייט” באַשליסן נאָר אַזעלכע איבונגען, ביי וועלכע עס איז נישטאָ דער מינדעסטער צווייפל, אַז איר וועט זיי קאָנען רעאַליזירן.

מיטן מאָמענט, ווען איר וועט אַ צייט נישט ברעכן דעם סימבאָל „אַזוי זאָל זיין”, און איר וועט האָבן רעאַליזירט מיט אים אַ גרעסערע צאָל באַשלוסן, וועט ער ווערן טייער און הייליק ביי אייך. און איר וועט אָנהייבן זוכן מיטלען, וויאַזוי צושיצן דעם סימבאָל, אַז איר זאָלט אים נישט פאַרשוואַכן.

די פראַגן וועט איר פּרווון לעזן מיט איינע פון די וועגן אָדער מיט אַלע צוזאַמען. (און אפשר מיט נאָך אַנדערע מיטלען וועלכע מיר דערמאָנען נישט): 1) איר וועט אָנהייבן צו באַנוצן זיך מיט אַ תנאי־פאָרם, ד. ה., איר וועט צוגעבן „איך וועל מקים זיין נאָר אויב איך וועל קאָנען”. 2) איר וועט אַראָפּנעמען אַ וואָרט פון סימבאָל און באַנוצן זיך מיט צוויי. ווען אָבער די צוויי וועלן ווערן הייליק, וועט איר אפשר ווייטער וועלן קורצן, אָדער צוגעבן. 3) איר וועט זיך באַמיען צושטעלן גרענעצן, באַשווערן זיך דאָס באַשליסן, פאָדערן פון זיך

אַ גרעסערן ישוב־הדעת. 4) איר וועט זיכן צו שאַפן אַ באַזונ־דערן סימבאָל פאַר „יאָ טון עפּעס" און פאַר „נישט טאָרן טון" דער „אַזוי זאָל זיין" וועט דערפאַר נישט גענוגן. איר וועט דאַן זיך שאַפן אַ סימבאָל פאַר פאַרווערן זיך געווויסע טאַטן, פאַר אָסרן זיך. 5) דער תנאי־פאָרם וועט אויך ווערן אַקראַפּט און הגם איר האָט דאָך אייגנטלעך געוואָלט. אַז די תנאי־פאָרם זאָל נישט פאַרפליכטן, וועט זי אָבער מיט יעדן מאָל, ווען דורך איר איז אַ טאַט רעאַליזירט געוואָרן, געשטאַרקט ווערן.

אויב איר וועט אַ קורצע צייט, אַן ערך דריי מאָנאַטן, נישט מחלל זיין דעם סימבאָל, אַלע טאָג וועגן אים געדענקען, אַן ערך 15 מינוט פאַר דער שעה, ווען איר האָט אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, יעדן טאָג אָוועקגעבן דעם באַטראַכטן אייער לעבן, און יעדן טאָג מאַכן אייניקע ווילן־איבונגען מיטן סימבאָל און געניי אַלץ מקיים זיין, וועט דער סימבאָל „אַזוי וועט זיין" ווערן ביי אייך אַ הייליקטום.

אויב איר זענט בכוח אַדורכצופירן מיט דעם סימבאָל „נישט" און „תנאי" צו 500 איבונגען, וועלן זיי אויך ווערן הייליק און טייער ביי אייך. דאָס וואָרט „נישט" וועט אָבער פאַר אייך זיין זייער נישט באַקוועם, ווייל איר באַנוצט דאָך דאָס וואָרט אין פאַרשידענע זאַצן פילמאָל יעדן טאָג. אַ סימבאָל קאָן אָבער האָבן קראַפט פאַרן מענטש, אויב מען פאַרשוואַכט אים נישט. אויב מען היט אים. איר וועט זיך דעריבער שלעכט פילן און זוכן אַן אויסוועג. איר וועט פאַרקירצן דעם „נישט" אויף „ניש" אָדער „ני". איר וועט וועלן, אַז עס זאָל אַנדערש קלינגען.

נדרים, שבועות און יורי.

וויאַזוי פאַרשטייען מיר דאָס אנטשטיין פון הייליקונג אין מענטש?

יעדע האַנדלונג פון יחיד איז אַ האַנדלונג פון אַ גרעסערן אָדער קלענערן טייל פון כלל, וואָס לעבט אין אים. שאַפט

איר זיך אַ געזעץ און איר ר ע ס פּ ע ק ט י ר ט עס, הייסט עס, אַז אַ גרופּע אין אייך בויט זיך אַ פּראָגראַם פון טעטיקייט וואָס שטאַנדהאַפטיקער אייער וואָרט וועט זיין, אַלץ מער אָנהענגער קומען צו דער גרופּע, אַלץ מער כּוחות האָט זי און אַלץ מער שאַנסן איבערצונעמען די מאַכט אין מענטש. ווי אין דער געזעלשאַפט לעבט דער פּאָליטישער אַפּאַראַט פון פּאָליטישער אַרבעט אַלס פונקציאָנאַרן, לעבן אין אָרגאַניזם פון יחיד אויך קעמערלעך, וועלכע פירן אויס פּאָליטישע פונקציעס.

יעדער פּאָזיטיווער טאַט, יעדע אָנשטרענגונג, וואָס איר מאַכט לטובת דעם אויפבוי, ווערט פון דעם אַפּאַראַט אויסגענוצט אויף פאַרשטאַרקונג. די אינער כּוחות געוויינען זיך צו אויפצוּוועקן זיך בעת זיי הערן דאָס וואָרט, וואָס איז געוואָרן דער סימבאָל פון תּחית־המתים. זיי לעבן אויף אין מענטש ביי דעם קלאַנג. דער אָנגענומענער באַשלוס ווערט גלייך געמאָלדן אין אָרגאַניזם, עס ווערן צוגעגרייט די כּוחות אים צו רעאַליזירן, עס ווערט באַשטימט די רעאַליזאַציע.

איצט וועט ניט זיין שווער צו פאַרשטיין, וואָס איז דער אונטערשיד פון וואָרט ביז אַ שבועה. ביים זאָגן אַ וואָרט נעמט נישט אָנטייל אונזער אינער־וועלט. דאָס איז אַ מעכאַנישע טעטיקייט פון מויל.

שבועה און נדר זענען געזעצגעבערישע אַקטן פון „איך“ (אפילו ווען מ'שווערט נישט, נאָר מ'פילט). עס איז אָנגענומען נישט צו שווערן, ווייל דאָס ברענגט אָפט צום פאַרשוואַכן די שבועה. אָבער דאָ איז געשען אַ טעות. מ'האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס וועזן פון שבועה. ווען אַ ייד זאָגט „מאָרגן בלי נדר, וועל איך אייך געבן 100 זלאָטעס“ איז עס אַ נדר, אויב ער האָט געמיינט עס אָ צו געבן. דאָס זאָגן בלי נדר האָט נור אַ באַדייטונג, ווען אין יחיד קומט נישט צו קיין באַשלוס, ווען אין מענטש איז נישט געשאַפן געוואָרן קיין יורידישער אַקט. דאָס וואָרט האָט דאָ קיין באַדייטונג נישט, וויכטיק איז דאָס, וואָס קומט פאָר אין מענטש בעת און פאַרן זאָגן דעם בלי נדר!

נישט טאָרן שווערן הייסט נישט דערלאָזן צו אַ יורידישן אַקט אין זיך. דערמיט איז מען אָבער גורם ווילגלאַזיקייט ביי זיך.

ווען מיר וועלן אָנזאָגן אַ קינד: „עס נישט קיין ברויט, ווייל דו וועסט זיך נאָך איינשניידן די האַנט מיטן מעסער" — איז עס טאַקע זיכער מיט דער האַנט, אָבער קיין געזונט וועט דעם קינד נישט צוקומען דערפון.

הייליקע צאָלן — מאַכט וויטאַמינען.

פון אונזער עקספּערימענט וועט אייך קלאָר ווערן, אַז אויך צאָלן קאָנען ווערן טימבאָלן, מאַכט-קוואַלן. דער טאג, ווען איר האָט אָנגעהויבן אַ ניי-לעבן, וועט ביי אייך ווערן טייער און הייליק, אויך די שעה. דערדאָזיקער פּסיכישער פּראָצעס האָט געהאַט אַ ווירקונג אין דער געשיכטע. צאָלן אין וועלכע עס זענען פאָרגעקומען אומגליקן, נעגאַטיווע געשעענישן, האָט מען אנארקענט פאר נישט מזלדיק (13), דאַקעגן אנדערע זענען פאַרהייליקט געוואָרן

ביי אונדזער אַנאָנימען העברעער, וואָס האָט גורם געווען דאָס אַנטשטיין פון דער יידישער רעליגיע איז 7 פאַרהייליקט געוואָרן. אַלץ, וואָס האָט דערמאנט די צאָל איז געוואָרן קדושה. מיר האַלטן, אַז שבת שטאמט פון וואָרט שבעת (ימים) שבועה שטאַמט אויך פון שבעה. ער האָט געשוווירן ביים ס"מ-באָל און פון דאַנען איז אנטשטאַנען דער באַגריף שבועה. די יום-טובים פסח, סוכות זענען אויך פו 7 טעג (דער 8-ער טאָג סוכות איז שפּעטער אַנטשטאַנען).

די אנשטייאונג פון רעליגיע

הייבן מיר אָן די ערשטע פרשה חומש, זעען מיר באַלד אַ וווּנדער־דערשיינונג: גאָט האָט באַשאַפן די וועלט מיטן וואָרט. וואָלט עס היינט אַ מענטשלעכע פאַנטאַזיע געקאָנט שאַפן? היינט, ווען אַ וואָרט איז אַזוי ביליק, צי וואָלט מען מיט אַ וואָרט געקאָנט פאַרבונדן די אַנטשטייאונג פון וועלט? שוין דער פאַקט ווייזט, אַז אין לעבן פון דעם אמאָליקן דור איז דאָס וואָרט געווען אַ מאַכט־באַגריף. וואָס איז די סיבה דערפון?

אין יענער צייט האָט דאָס וואָרט געמוזט אָפט פאַרטרעטן אַן אָפּמאַך. שרייבן האָט מען נישט געקאָנט צווישן די מאַסן, דעריבער האָט מען עס געמוזט פאַרטרעטן מיטן וואָרט. מען האָט דאָס וואָרט פאַרהייליקט. דאָס איז געווען אַ לעבנס־נויטווענדיקייט, אָן וועלכער עס איז אוממעגלעך געווען צו עקזיסטירן.

די פאָרשער פון רעליגיעס האַלטן, אַז דער מענטש האָט זיך געשאַפן געטער צוליב שרעק. טייל נאַטור־כוחות האָט ער געדינט צוליב מורא פאַר זייער ריזן־כוח, אַנדערע פאַר דאַנקבאַרקייט. דידאָזיקע טעאָריעס זענען ווונדערבאַר אומלאָגיש׳

פונוואַנען האָט זיך גענומען צום די אור־מענטשן אַ געדאַנק, אַז מיט אַ שטיין וועט מען זיך פאַרשאַפן די פריינדשאַפט פון טייך, וואָס פאַרפלייצט? ווו איז דער קוואַל פון דער פסיכאָלאָגיע ביי אים? מיר ווייסן דאָך, אַז יעדע לעגענדע

האָט אַ קערנדל אמת. ווו איז דאָס קערנדל פון וועלכן עס איז אַרויסגעוואַקסן די רעליגיע ביי אַלע פעלקער?

עס איז אמת, אַז אין לעצטן סטאַדיום זענען אַלטע רעליגיעס פאַרבונדן מיט די נאַטור־כוחות. ווו איז אָבער דער באַוויז, אַז דער מקור איז אויך דער זעלבער?

אַ ייד וואַשט די שפּ״ן בעגל מיט „מים אחרונים״ — צי קאָן מען זאָגן, אַזוי האָט די רעליגיע זייגע געהייסן? צי איז דאָס נישט גסיסה־צושטאַנד פון דער אַמאָליקער לעבעדיקער לערע?

אויך די וויסנשאַפט האָט געשטעלט אַ טעזע בנוגע רעליגיעס אויפן סמך פון מים־אחרונים! אַלע רעליגיעס פון די אורפעלקער זענען צו אונז דערגאַנגען אין זייער טויטן צושטאַנד, נאָך זייער דעגענעראַציע־תקופה, נאָך זייער פאַרקריפּלונג און אונטערגאַנג.

רעליגיע און קאַמף פאַר ווילן.

אַלע רעליגיעס זענען אַנטשטאַנען פון קאַמף פאַר ווילן, פאַר היילן דאָס נשמה־לעבן (יחידישע און כלל־נשמה), צו שטאַרקן דאָס אינערפּאָליטישע לעבן.

באַטראַכטן מיר די אַלטע קוועלן פון דער יידישער רעליגיע, קומען מיר צו אַזאַ אויספיר. דער אונז אומבאַקאַנטער העברעער האָט געפירט אַ נשמה־קאַמף, אַ מלחמה מיט זיך, צו שטאַרקן זיך. פון דערדאָזיקער מלחמה איז אנטשטאַנען ביי אים אַ סימבאָל. ער האָט אים דאַן אַרומגערינגלט מיט קדושה, כדי צו שיצן פון פאַרשוואַכונג. דער קולט איז איבערגעגאַנגען צו ווייטערדיקע דורות און עס איז לחלוטין פאַרגעסן געוואָרן זיין אָפּשטאַמונג.

יהוה — אלהים.

פאַר גאָט פאַרמאָגט דער תנ״ך, צווישן אַנדערע, אַזעלכע אויסדרוקן: יהוה, יה, אלהים, אל, אלה. פאַרוואָס האָט

איין גאָט געהאַט אַזויפיל נעמען און וואָס באַדייטן זיי?

אין יורידישן לעבן זענען דאָ צוויי פאָרמען פון באַשלוסן, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע: דאָס, וואָס איר ווילט אַדורכפירן און דאָס, וואָס איר ווילט זיך פאַרווערן.

ביי די פּאָזיטיווע האָט דער העברעער באַנוצט זיך מיט די ווערטער כֵּן יְהִיֶה (אַזוי זאָל זיין). נאָך אַ צייט זענען זיי געוואָרן אַ סימבאָל (ווי אין אונזער עקספּערימענט). ער האָט מורא געהאַט זיך צו באַנוצן מיט אים. ער האָט אים דאַן געענדערט און אָפּגעלאָזט דעם „כֵּן". אויך „יהיה" איז געוואָרן א קוואַל פון מאַכט און דאַן האָט ער געענדערט דעם נאָמען אויף „יְהוָה", ד. ה. אָנשטאָט „י" אַ „ו" [זע 93-טע זייט 22)].

שפּעטער האָט ער ווייטער מורא געהאַט, אַז ער וועט פאַרשוועכן דעם הייליקן סיבאָל און אָנגעהויבן זיך באַנוצן מיט אַ קיצור „יָה". ענלעך איז פאָרגעקומען אין די שפּעטערדיקע צייטן.

אין די חסידישע קרייזן שרייבט מען נישט מיט אַ „יה" צום סוף". ווען זיי דאַרפן שרייבן „עִירִיָה" שרייבן זיי „עירי'".

אויך אֵל, אֱלֹהַי, אלהים, זענען אַנטשטאַנען פון זעלבן קוואַל. צום ערשטן האָט ער זיך פאַרווערט מיט „נישט" וואָס הייסט אויף העברעאיש „לא". דאָס איז אָבער געווען נישט באַקוועם, ווייל ער האָט דעם סימבאָל נישט געקאָנט פאַרהיטן פון פאַרשוועכונג. מען מוז דאָך דאָס וואָרט פיל מאָל אין טאָג באַנוצן. ער האָט דאַן דעם „לא" איבערגעדרייט אויף „אַל" און זיך באַנוצט דערמיט אַלס סימבאָל. שפּעטער האָט ער עס געענדערט אויף אֵל, דערנאָך האָט ער זיך באַנוצט מיט ביידע אין אַ נעגאַטיוון פאַל און פון „אַל" און „לא" איז געוואָרן איינער: „א׳ל׳" (די 2 ל׳ האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן ווי אֲלַי פון אַל + לי) דערנאָך האָט מען צוגעגעבן אַ ה׳ און עס איז געבליבן „אֱלֹהַי". אָבער פאַרוואָס האָט מען דערנאָך פון „אֱלֹהַי" געשאַפן „אֱלֹהִים"? ווו קומט דאָס אין מערצאָל? מיר מיינען דעריבער, אַז דער „ים" אין וואָרט „אלהים" איז נישט קיין סימן פון לשון רבים, נאָר איז אַנטשטאַנען פון „אים". וויאַזוי?

אויב איר האָט עקספּערימענטירט, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, האָט איר מסתמא געמוזט זיך שאַפן אַ תנאי־פאָרם פאַר באַשלוסן. איר האָט געזאָגט (מיט אָדער אָן ווערטער), אַז איר וועט מקיים זיין, אויב איר וועט קאָנען. ווען ביי אייך איז אַ שטאַרקער דראַנג זיך צו שטאַרקן, וועט אויך דער „אויב“ ווערן אַ סימבאָל און קוואַל פון מאַכט.

אַזוי־אַרום האָט ביים העברעער געקאָנט אַנטשטיין דער „אים“, וואָס איז דער טייטש „אויב“. שפּעטער האָט ער פאַראייניקט צוזאַמען די סימבאָלן „אֵל“ „לאָ“ „אים“ אין „אלהים“.

ביים קריטישן באַטראַכטן דאָס פּראָבלעם דאַרף מען ענטפערן אויף די פאָלגנדיקע פראַגן. נאָך וואָס האָט דער העברעער באַשאַפן צוויי פאָרמען פון נעגאַטיוו (לא, אל)? ווי איז מעגלעך געווען, אַז איין פאָרם זאָל באַשטיין פון די זעלבע בוכשטאַבן וואָס דער אַנדערער, נאָר אין אַ פאַרקערטן סדר? איז דאָס וואָרט „אָלָה“ נישט אַנטשטאַנען פון „אַל“? [אגב האַלטן מיר, אַז „קללה“ שטאַמט פון „אָלה“. דער העברעער האָט געשווירן נישט צו טון עפּעס און האָט עס סאַנקציאָנירט, אַז אויב ער וועט יאָ טון זאָל ער זיך שטראָפן דערפאַר. שפּעטער איז דאָס וואָרט „אָלה“ געוואָרן א מאַכט, אַ בייטש, אַ געווער, אָפט אַ געפערלעכס. מען מען האָט זיך דערפאַר געשראָקן, ווי שפּעטער פאַר עין הרע. מען האָט זיך דאַן אויסגעדרוקט בְּ(הֶל)אָלָה. הל־ה הידיעה פריערדיקע תקופה]. וואָס איז די סיבה פון כנויי־נדרים, פון אַזוי־פיל נעמען פאַר שבועות און נדרים (זע תלמוד: נדרים, נזיר, שבועות“)? באַווייזט נישט אונזער עקספּערימענט, אַז כנויים זענען געווען פאַרטיידיקונגס־מיטלען אין קאַמף פאַר שיצן דעם דעם סימבאָל? אויב אַזוי, איז דאָך „אָלה“ נאָר אַ כנוי פאַר „אַל“? (אגב הייסט גאָט ביי די אַראַבער „אַללָה“. אַז אַל שטאַמט פון „אַל“ איז נישט שווער צו זען פון וואָרט בְּלִיַעַל. מיר האַלטן אַז דער מקור איז געווען בְּלִי־אַל, אַ גאָטלאָזער. נאָר עס האָט נישט געפּאַסט, אַז אַ זידל־וואָרט זאָל טראָגן די זעלבע בוכשטאַבן וואָס גאָט, האָט מען געשריבן מיט אַן ע׳ אַנשטאַט א׳).

מען דאַרף דעריבער קאָריגירן עטוואָס. נישט מען האָט

פריער געשווירן ביי גאָט (האלהים: האָבן געשווירן די העברעער) נאָר מיט שבועה, וואָס איז געווען דאָס טייערסטע און הייליקסטע, האָט דער העברעער זיך געשאַפן אַ גאָט, דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען זער פּאַמעלעך. פון „יהוה" ביז „טאַטע אין הימל" איז אַ ווייטער מהלך פון קולטור (אגב איז דער באַגריף „טאַטע אין הימל" און זיינס גלייכן אַנטשטאַנען פון אַ קאַטאַסטראָפירטן געדאנק. ווען אַ פאָטער איז געשטאָרבן איז ער דאָך געגאַנגען אין הימל אַריין. „נשמה" שטאַמט פון „נֶשם", דאָס הייסט, אַז אָטעם איז נשמה. לויפּט, אָטעם טראָגט זיך דאָך אינדערהייך. אַזויווי דער „טאַטע איז אין הימל", איז פאַרשטענדלעך געווען פאַר די קרובים און יתומים דאָס שרייען צו אים. ספּעציעל די קינדער האָבן געקאָנט שרייען, בעטן „טאַטע אין הימל, ווען זיי האָבן געהערט אַנדערע קינדער שרייען טאַטע! דערנאָך איז דער באַגריף קאַטאַסטראָפירט געוואָרן. אַזויווי גאָט איז אין הימל און טאַטע איז אין הימל, איז פון גאָט געוואָרן א טאַטע אין הימל).

אַז די וועלט איז אַנטשטאַנען מיטן וואָרט „יהי" האָט געקאָנט שאַפן נאָר דער, וועלכער האָט געפילט די ריזיקע קראַפט פון סימבאָל יהוה. מיטן וואָרט יהיה האָט מען זיך דאָך גע־מוזט באַנוצן צו שאַפן געזעצן (משפט אחד י ה י ה לכם כגר כאזרח י ה י ה כי אני יהוה אלהיכם. ויקרא כ"ג).

אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט באַווייזט, אַז די נעמען מיט וועלכע מען האָט באַצייכנט גאָט זענען געווען נדרים, שבועות ד. ה. געהייליקטע סימבאָלן געשאַפן פון מענטש פאַרן קאַמף פאַר מאַכט אין זיך, פאַר שטאַרקן דעם ווילן. זיי האָבן געדינט אַלס קוואַלן פאַר יורי.

גלויבן און פאָלקלאָר

מיר האָבן געוויזן וויאַזוי עס איז ענטשטאַנען די יידישע רעליגיע. ווי אַזוי זענען אַנטשטאַנען אַנדערע רעליגיעס? אפשר זענען אַנדערע פון אַ צווייטן מקור? וויאַזוי זענען

פעלקער געקומען צום געדאַנק, אַז מיט אַן עגל אָדער בילד־
קאָן מען איבערבעטן אַ גרויזאַמען גאָט, אָפּדאַנקען אַנדערע
פאַרן חסד?

די בילדער, געטער זענען אַנטשטאַנען אַלס קינסטלער־
שער אויסדרוק פון מענטש. דאָס פּראָבלעם פון לעבן און
טויט האָט אייביק געפּייניקט דעם מענטש. ווען עס איז גע־
שטאָרבן אַ נאָענטער אין שטוב, האָט דער פּרימיטיווער קינסטלער
געוואָלט האָבן זיין בילד. מיט זיינע פּרימיטיווע מיטלען האָט
ער געקעמפט קעגן טויט. ער האָט אין שטיין אויסגעגאָסן זיין
צאָרן, בענקשאַפט און יסורים. ווען מען האָט אים געפרעגט ווער
איז דאָס בילד, האָט ער געקאָנט ווייזן מיטן פינגער אויף דער
לבנה אָדער זון, וועלנדיק זאָגן, אַז ער טוט דאָס פאַר דער
פּערזאָן, וואָס איז געשטאָרבן און געגאַנגען אין הימל אַריין.
אַזוי ווי זיי האָבן דאַן געמיינט אַז די נשמה איז אַ גייסט, אַ
ווינט וואָס הייבט זיך אויף אינדערהייך, און די לבנה אָדער זון
זען אויס ווי מענטשלעכע קעפּ, איז פאַר זיי לייכט געווען צו
מיינען, אַז זייערע טייערע געפינען זיך אינדערהייך. אין מינוטן
פון בענקשאַפט האָט דער מענטש געקאָנט לענגער פאַרברענגען
ביים בילד, דערציילן די קינדער וועגן דער העלדישקייט און
גוטע מידות פון פאַרשטאָרבענעם. דאָס בילד איז דעריבער פאַר־
הייליקט געוואָרן.

אויב דער פאַרשטאָרבענער איז ביים לעבן געווען באַליבט
אַלס פירער פון שבט, איז ער געוואָרן דאָס הייליקטום פון דער
קהלה. מען האָט זיך צוזאַמענגענומען און געשטאַרקט זיך אין
זיין אָנבליק. אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט דער שטיין
געלעבט איינגעהילט אין פּראַכט פון דער פאָלקס־נשמה. דאָס
פאָלק האָט ווייטער געשפּינען די לעגענדע. דער שטיין איז גע־
וואָרן אַ קוואַל פון ענערגיע, און דאָ איז שוין איין טריט צו
זען אומשטערבלעך וועזן אין בילד. די פילאָזאָפיע פון אַלע
פעלקער האָט געזען אין באַגריף גאָט – מ אַ כ ט. דאָס פּוילישע
וואָרט bogaty (רייכער) שטאַמט פון וואָרט Bóg (גאָט). מעגלעך

אויך, אַז דאָס וואָרט גאָט זאָל האָבן געמיינזאַמס מיטן וואָרט רייכטום (גאָט, גוט, גיטער).

ווי מיר זעען, זענען אַלע רעליגיעס אַנטשטאַנען פון זעלבן מקור און מיט דעם זעלבן צוועק: קאַמף פאַר ווילן, פאַר מאַכט. אין שטיין האָט מען געראַטעוועט דעם כּוח, וואָס איז אַוועק. (אַנאַלאָגיש הייַנט דענקמעלער פון העלדן).

פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז אויב אַ מענטש זינדיקט ווערט ער אינערלעך צעריסן און ממילא קראַנק, נעאוראַסטעניזירט. אָבער וואָס איז זינד? וועלכער קאָדעקס פאַרפליכטעט דעם מענטש?

פאַר פּאָליטישע מעדיצין איז דער מענטש פריי פון אַלע קאָדעקסן אַ חוץ פון די, וועלכע ער אַליין האָט מקבל געווען.

גוט איז דעריבער יעדער טאַט, וואָס שטייט נישט אין סתירה צו די אידעאַלן, וואָס דער יחיד האָט פאַרהייליקט אין זיך. יעדער יחיד טראָגט אין זיך זיינע לוחות און יעדע עבירה, וואָס ער טוט ברענט זיין נשמה און קערפּער. די אמתן פון אַ יחיד ווערן רעגולירט פון אָרגאַניזם אין וועלכן ער לעבט, אין קעגנפאַל וואָלט דאָך דער אָרגאַניזם צעפאַלן.

די יעניקע, וועלכע האָבן געוואָרנט די מענטשן, אַז זיי זאָלן נישט מאַכן קיין נדרים האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז דער יחיד שטייט אייביק אין אַ טראַגישן געראַנגל מיט פאַרשידענע כּוחות, און אַז מנוחה געפינט ער ערשט, ווען ער ענטפערט „נעשה ונשמע". די וועלט איז אַ דינאַמישע וועזן, אַלץ פליסט. אויך אמתן אירע טוישן זיך. לוחות וואָס דער מענטש האָט אין יסורים אויסגעגליט לעשן זיך, ווי נאָר אַ נייער פלאַם באַלייכט די וועלט, ווי נאָר עס וועקן זיך נייע כּוחות צום לעבן.

די טראַגעדיע פון אַלע רעליגיעס איז דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט אָפּשטעלן בריאת העולם און דאָס אין נאָמען פון לע-

בּעדיקן גאָט! אין נאָמען פון דער וועלט וואָס בּליט נאָר דאַן, ווען דער „יהי״ הערט נישט אויף צו בּרומען!

דער, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער „לא תוסף עליו ולא תגרע ממנו״ (דברים י״ג), האָט אַרויסגערופן די מוראדיקסטע קאַטאַסטראָפע פון דער וועלט.

טויזנטער יאָרן סקלעראָזע האָט די געשיכטע געקראָגן פון דער יורידישער קאַטאַסטראָפע. אַזוי ווי די פיס פון דער כינע־זישער פרוי זענען פאַרקריפּלט געוואָרן דורך די ענגע שיכלעך, וואָס זי האָט געמוזט טראָגן, אַזוי איז די געשיכטע חרוב גע־וואָרן פון ענגע זיכערהייטס־קאַפּטן, וואָס זי טראָגט שוין הונדער־טער דורות (סקלעראָזירטע יורי).

הייליק זיך הייסט לערנען זיך לעזן הייליקייטן, וואָס זע־נען פאַרשריבּן אין אונזער בּלוט. מקיים זיין אַלץ, וויל אַנ־דערע וועלן דאָרט נישט זיין געשריבּן. הייליקן זיך און דורך זיך — די וועלט.

מיר האָבּן שוין אָנגעוויזן, אַז דאָס מויל איז נאָר אַ טעכניש מיטל. ווען אין אַ מלוכה זאָל דאָס דרוק־ווזעזן פאַר־שווינדן, וועט די מלוכה נישט אויפהערן צו שאַפן געזעצן. אויך ווען דער מענטש מאַכט זיך נישט קיין נדר מיטן מויל, שטעלט זיך אַ י ן אים נישט אָפּ דער יורידישער אַפּאַראַט. עס ווערן אין אים געבּוירן נייע אמתן און זיי זענען יורידישע אַקטן, ווערטער זענען נאָר פּראָטאָקאָלן. יעדער מענטש האָט דעריבּער אַ קאָנסטיטוציע אין זיך. אַלע נשמה־ליידן שטאַמען פון בּרעכן די קאָנסטיטוציע אין זיך. ווען אַ גנב זאָגט שקר וועט עס אים נישט חרוב מאַכן דאָס לשון. ווען אַ אָרנטלעכער מענטש זאָגט און משפט ליגן, ווערט ער נעאוראַסטעניזירט, בּאַקומט אַ צעקאַ־לעטשעטן סטיל און לשון.

דער גנב האָט דאָך זיין קאָנסטיטוציע נישט געבּראָכן. אין זיינע לוחות שטייט, אַז מען מעג גנבענען און דאָס איז זיין הייליקייט. דאַקעגן דער צדיק, וואָס האָט אין זיינע לוחות אויפ־געשריבּן אמת און צדק, ער מאַכט חרוב זיין לעבּן, ווען ער איז זיי מחלל מיט אומגערעכטיקייט. דעריבּער זענען קלאָר די

ווערטער „ושחד לא תקח, כי השחד יעור עיני פקחים, ויסלף דברי צדיקים". דעם רשעס שפּראַך און אויגן וועלן נישט חרוב ווערן פון אומגערעכטיקייט.

יעדער יחיד, וואָס וויל געזונט זיין, מוז דעריבער שטענ־דיק זיך לערנען זיין א י י ג ע נ ע תּורה, היטן זיך, אַז ער זאָל נישט שלעכט זי אויסטייטשן, פאַרדרייען און פאַרקריפּלען, ווייל ער וועט זיין לעבן פאַרקריפּלען און חרוב מאַכן.

גלויבן, פּעסימיזם און יורי.

שוואַרצזעעריי, האָפנונגסלאָזיקייט, אומגלויבן אין דער וועלט זענען דעריבער ענג פאַרבינדן מיט יורי. נאָכן „לית דין" האָט שטענדיק געפאָלגט דער „ולית דַיָן". ווי נאָר ביי אַ יחיד ווערט אָפּגעטעמפּט דער אורטייל־אינסטרומענט און ער ווערט געאוראַסטעניזירט זעט ער אין דער וועלט הפקרות. פּאַקטיש זעט זעט ער נאָר זיך. שוין דער „בצלמו בצלם אלהים ברא אותו" ווייזט אויף דעם, אַז יעדער טאָפּט זיך אַזאַ וועלט, ווי ער איז אַליין. ווי נאָר ער ברעכט געזעצן, און מאַכט חרוב זיין לעבן, זעט ער, אַז די וועלט האָט צעבראָכן די געזעצן. היילן די וועלט קאָן מען דעריבער נאָר דורך היילן זיך.

שרייט אַ יחיד, אַז די וועלט איז עלנד, דאַרף מען עס נאָר לייענען „מ י י ן וועלט איז עלנד", ווייל די וועלט איז נאָר דאָס, וואָס איך זע און איך שאַף. היילט זיך דער יחיד ווערט זיין וועלט געהיילט. מאַכט מען חרוב אַ יחיד, צעשטערט מען זיין וועלט. טוט מען אַן עוולה אַ מענטש טעמפּט מען אָפּ ביי אים זיין אורטייל־אינסטרומענט, ער ווערט דאַן אַ קוואַל פון אומגערעכטיקייט און ממילא פון חורבן. סאָציאַלע אומגערעכטי־קייט איז דעריבער אַ קוואַל פון אומגלויבן אין דער וועלט, פאַר־קערט, גערעכטיקייט איז דער מקור פון קדושה און גלויבן.

פּאַטאָלאָגישער מצב פון דער וועלט אוז יורי.

מלוכה־אָרגאַניזמען עקזיסטירן אין כלל־מענטש אָרגאַניזם אויף אויטאָנאָמישע יסודות. ווי לאַנג די אויטאָנאָמיע שטערט נישט דער אַנטוויקלונג פון אָרגאַניזם, קאָנען די מלוכות בלייבן אין זייער געשטאַלט. ענדערן זיך די נויטן פון כלל אָרגאַניזם, ווערט די אויטאָנאָמיע פאַרשמעלערט, אָדער באַזייטיקט. פון צוויי מלוכות ווערט איינע. אַנדערע גיסן זיך צוזאַמען און שאַפן אַ פעדעראַציע. ביז די אויטאָנאָמיע ווערט פאַרשוווּנדן. דער עקאָנאָמישער פּרינציפּ, וועלכער רעגולירט דאָס לעבן פון אַלע אָרגאַניזמען אין לעבן, שטרעבט צו אַ פאַראייניקונג פון אַלע מענטשן אין איין אָרגאַניזאַציע, אין איין מלוכה. אַלע פּאָ־ליטישע קאַמפן זענען רעזולטאַטן פון דער טענדענץ. די אויטאָ־נאָמישע אָרגאַניזמען פאַרטיידיקן זיך פאַרביטערט קעגן דעם פּראָצעס.

דערביי פאַרטיידיקן זיך אַמשטאַרקסטן די אָרגאַניזמען, וואָס זענען פּאַטאָלאָגיש און דער מקור פון פּאָליטישע קראַנק־הייטן (דייטשלאַנד, איטאַליע, יאַפּאַן). די מלוכות, וואָס זענען דעמאָקראַטיש העלפן צו צום געבורט פון דער נייער וועלט.

פאַר אונזערע אויגן קומען פאָר די חבלי־לידה פון וועלט־אָרגאַניזם. פון אונזערע מעשים איז אָפּהענגיק, אַז דער געבורט זאָל נישט זיין קיין בלוטיקער און טראַגישער. קוקן מיר זיך צו צו דער פעלקער־ליגע פון פּאָליטיש־מעדיצינישן שטאַנדפּונקט איז לייכט צו פאַרשטיין די פּאָליטישע געשעענישן די שעפער פון דער זשענעווער אינסטיטוציע האָבן זיך נישט קלאָר געמאַכט, אַז אַלע מיטגלידער אירע פאַרלירן זייער אומאָפּהענגיקייט. פון אונזער יורידישן שטאַנדפּונקט זענען די מלוכות נאָר ברייטע אויטאָנאָמיעס. די אויסערן מיניסטאָרן מוזן נישט זיין קיין פילאָזאָפן און זיי זענען עס נישט. אַלס אילוסטראַציע קאָן דינען די עקספּאָזע פון פוילישן אויסערן מיניסטער אין 15 יאַנואַר 1936. דעם ה' בעקס פעסטשטעלונג, אַז די סאַנקציעס קעגן איטאַליע וועלן נישט דינען אַלס פּרע־

צעדענס, ווײַל דאָס אינטערנאַציאָנאַלע לעבן זאָל מכּלומרשט נישט ווערן רעגולירט פון פּרעצעדענסן, באַווייזט נאָר, אַז ער דענקט נישט מעדיציניש. דעם ה׳ בעק זעגען — ווייזט אויס — פרעמד די פּראָצעסן פון סימבאָלן. וואָלט ער זיך מיט זיי באַקאַנט, וואָלט ער פאַרשטאַנען, אַז אין טאָג פון באַשטימען די סאַנקציעס איז געבוירן געוואָרן אַ נייער וועלט־אָרגאַניזם. אין דעם טאָג האָט די ליגע באַקומען אָדערן. זי האָט נאָך ווייניק בלוט, און נישט איינמאָל וועט זי זיין באַדראָט פון שלעכטע פּאָליטישע ווערטער. אויב אָבער פאַרן פעלקער־בונד וועלן מענטשן פאַרלירן זייער לעבן, וועט עס אַריינגיסן זיך אין סימבאָל „פעלקער־ליגע״, און אין דעם זעלבן טאָג וועט זי אָנהייבן איר לעבן אַלס וועלט־מלוכה.

אינסטינקטיוו פאַרטיידיקן זיך אונזערע מיניסטאָרן קעגן פעלקער־בונד, ווײַל זיי פילן, אַז די אויטאָנאָמיע פון די מלוכות ווערט מיט יעדן זיג פון פעלקער־בונד פאַרשמעלערט. דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכער פּראָצעס פון דער געשיכטע און לחלוטין אומאָפּהענגיק־פון די סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס פון יחידים.

עס איז טרויעריק, וואָס די פעלקער ווילן נישט זען, אַז דער כּלל־מענטש אָרגאַניזם האָט זיין (נישט געשריבענע) קאָנסטיטוציע און יעדער טאַט קעגן דער קאָנסטיטוציע רופט אַרויס אין אָרגאַניזם קראַנקהייטן, מלחמות, רעוואָלוציעס און פּוטשן, (פאַקטיש זענען מלחמות און זייערס גלייכן נאָר דערשיינונגען פון אַ נעאוראַסטעניזירטן אָרגאַניזם).

היילן נערוון קאָן מען נאָר דורך היילן די יורי פון אָרגאַניזם, שאַפן גערעכטיקייט. דאָ ווי צדק הערשט נישט הערשט דער טייוול.

פּאָליטיקער, וועלכע דענקן נישט מעדיציניש פאַרשטייען נישט זייער פונקציע. צוליב דער פּאַראַדאָקסאַלער לאַגע פאַרברענגט די דיפּלאָמאַטיע יאָרן מיט לעזן די אַנטוואָפנונג־פראַגע. דער כּלל־אָרגאַניזם ליידט דאָך, ווײַל איייניקע צענדליק מיליאָן קעמערלעך דאַרפן איבערגעפלאַנצט ווערן אין אָרגאַניזם, אין

אַנדערע טיילן. אויף אונזער לשון הייסט עס עמיגראַציע־נויט. ווי לאַנג די פראַגע וועט נישט געלעזן ווערן וועלן קיין שום אַרמייען נישט פאַרהיטן פון מלחמה.

מלחמה־אינוואַזיע איז נאָר אַן אומלעגאַלע עמיגראַציע. ווען מען לאָזט נישט אַן אָרגאַניזם לעגאַל אַנטוויקלען זיך ברעכט ער געזעצן. פון פּאָליטיש־מעדיצינישן שטאַנדפּונקט איז די מלחמה אין אַביסיניע, היטלערס טרייבן די יידן פון דייטשלאַנד, יאַפּאַנס רייסן זיך אין כינע, נאָר אומלעגאַלע עמיגראַציע.

וואָלט דעם דייטשן אָרגאַניזם נישט אָנגעטון געוואָרן קיין „זיכערהייטס־קאַפּטן״ וואָלט די דייטשע נשמה נישט קראַנק געוואָרן. דער ווערסאַל שלום־טראַקטאַט האָט געשאַפן די קראַנקהייט אין דייטשן אָרגאַניזם. כדי זיך צו פאַרטיידיקן, אַרויס פון פלאָנטער, פון אַן אויסוועג, ווערט דער אָרגאַניזם קראַנק, און גיט פון זיך אַרויס אַ גיפט, מיט וועלכן ער שיצט זיך קעגן שטאַרקערן שונא. דעם גיפט אין דייטשלאַנד האָט מען פּראָדוצירט אין ווערסאַל.

יעדעס פאַרברעך האָט זיין קוואַל אין קאַטאַסטראָפירטער יורי. דאָ דאַרף מען די ווערטער „הרואה יסורין באין עליו יפשפש במעשיו״ פאַרשטיין ווערטלעך. אויב אין אַ לאַנד איז דאָ אַ גרויסע צאָל פאַרברעכער דאַרף מען דעם קוואַל זוכן אין דעם הערשנדיקן טייל פון דער געזעלשאַפט, ווייל נאָר אומגערעכטקייט אין אָרגאַניזם איז גורם דאָס ברעכן דאָס געזעץ. געזעצן ווערן געבראָכן, ווערן טייוואָלאָנים געבוירן, דאָס נישט אויסגעלעבטע געזעץ באַווייזט זיך צוריק אין געשטאַלט פון פּלאָג, צרות, אומגליקן, קאַטאַסטראָפעס, אויפשטאַנדן, מלחמות.

די וואָרנונג אין תורת משה, אַז אויב יידן וועלן נישט האַלטן זייערע געזעצן, וועט אויף זיי קומען פאַרשידענע אומגליקן (זע תוכחה) איז נישט קיין פאַנטאַזיע נאָר רעאַליטעט. נאָר צוליב יורי איז דאָס פאָלק פאַרטריבן און געשלאָגן געוואָרן. די ערהאַבענע געזעצן (אין יענער צייט) פון תורת משה זענען וואַרשיינלעך קיינמאָל נישט אָנגענומען געוואָרן פון הערשנדיקן

טייל אין פאָלק. דאָס פאָלק האָט געבלוטיקט צוליבן קאָנפליקט צווישן קבלת התורה און לעבן. די געבראָכענע פאַרשוועכטע קאָנסטיטוציע (תורה) האָט צעבראָכן דאָס לעבן פון פאָלק.

אַ יחיד, אַ פאָלק און דער כלל-מענטש אָרגאַניזם קאָנען זיך היילן פון נשמה-ליידן נאָר דורך גערעכטיקייט.

פּאָליטישע מעדיצין פאַרנעמט זיך נישט מיט קיין מוסר-זאָגן. מיר באַטראַכטן נאָר דאָ דערשיינונגען פון נשמה-לעבן. מיר שטעלן א דיאַגנאָז, און מיר זאָגן, אַז אויב אַ קראַנקער אָרגאַניזם וועט נישט אויסקלויבן דעם אָנגעוויזענעם וועג, וועט ער זיך נישט קאָנען היילן. מיר זאָגן נישט, אַז דער מענטש זאָל גיין אין אונזער וועג, מיר באַפעלן קיינעם נישט. מיר ווייזן נאָר אָן די אומפאַרמיידלעכע פאָלגן פון מענטשנס מעשים.

אייניקע אַ״וו יז בגען אין קאַמף פאַר ווילן

1) נאָכן אַדורכמאַכן אַ גרעסערע צאָל ווילן-איבונגען באַשטימט, וואָס איר ווילט דערגרייכן. למשל: איר באַשטימט אין משך פון 3 מאָנאַטן אָפּצוגעוויינען זיך פון רויכערן. אויב איר רויכערט 20 אַ טאָג, הייבט איר אָן צו רויכערן במשך 3 — 4 טעג צו 19. אין 5-טן טאָג רויכערט איר שוין 18. פון 15-טן נאָר 17. דעם 15-טן טאָג באַמיט איר זיך אויפצוהאַלטן 5 מינוט יעדעס מאָל, ווען איין גלוסט צו רויכערן. אין 20-סטן טאָג האַלט איר זיך איין 10 מינוט א. א. וו. פאָרזיכטיק און פּאַמעלעך, ביז איר וועט דערגרייכן אייער ציל.

2) אויב אייך אין נישט שווער אַרבעט זיך אויס אַ טעטיקייט-פּלאַן (נישט דעטייל) אויף 3 מאָנאַטן.

3) איין טאָג אין וואָך רוט. אָרדנט זיך איין אַזוי, אַז דער טאָג זאָל זיך אונטערשיידן פון אַלע טעג (קליידונג, עסן, פאַרוויילונג, קולטור). געוווּנטשן, אַז עס זאָל זיין דער זעלבער טאָג יעדע וואָך און אין טאָג, אין וועלכן עס רוט די געזעלשאַפט, אייער סביבה. אין דעם טאָג זאָלט איר זיך נישט דערלויבן טון קיין שום טאַט, וואָס קאָן אָן שאָדן געטון ווערן פריער אָדער שפּעטער. גרייט זיך צום טאָג א גאַנצע וואָך. זאָל די שטוב, די סביבה אַנדערש אויסזעען. וואָס מער איר וועט אים באַצירן, אַלץ מער שיינקייט און רו וועט ער אייך געבן. איילט זיך נישט אין דעם טאָג. זעט, אַז איר זאָלט האָבן רו. לייענט פּאַסיקע ליטעראַטור (נישט קיין סאַך!)

4) יעדן מאָנאַט פייערט דעם טאָג, ווען איר האָט אָנ־געהויבן דעם לעבנס־קאַמף לויט אייערע מעגלעכקייטן. דעם זעלבן טאָג פייערט יעדעס יאָר אַלס אייער ניי־יאָר. גרייט זיך פייערלעך, ווייל נאָר דאַן נעמט איר אייער סובקאָלעקטיוו אָנטייל אין אייער פרייד.

5) אויב איר זענט אַ שוואַכער טאָרט איר זיך נישט פאַרפליכטן אויסצופירן איבונגען אויף שפּעטער, ווייל איר קאָנט דערפירן צו דער פאַרשוואַכונג פון וואָרט. באַנוצט זיך (זייער פאָרזיכטיק) מיט סאַנקציע־סיסטעם; ווען איר ווילט זיך מתחייב זיין צו עפּעס באַשטימט אַ שטראָף, אויב איר וועט עס נישט אויספירן. אין אַזאַ פאַל האָט איר דאָך דאָס רעכט צו טוישן. אויב איר זענט אָפּגעשוואַכט און נישט פעיק צום אורטיילן, צו אינטערפּרעטירן באַשטימט זיך פריער „אַז איר זענט פריי פון וואָרט, אויב די און די פערזאָן וועט אייך מתיר זיין". קלויבט זיך אויס אַ קלוגן פריינט אַלס אַזעלכן.

6) זעט, אַז סיי די ווילן־איבונגען, סיי די סאַנקציעס זאָלן די ערשטע מאָנאַטן זיין קליינע. סיסטעמאַטיש פאַרגרע־סערט זיי יעדן מאָנאַט. איר וועט דאַן נישט דאַרפן זיך מתיר זיין.

7) פירט איין, אַז „שבת" און יום־טובים אַמנעסטירן יעדע שטראָף, אויב איר האָט די סאַנקציע ביז שבת נישט גע־קאָנט אויספירן. צוליב דעם צוועק באַשטימט, ווען ביי אייך הייבט זיך אָן שבת. יום־טוב הייבט שטענדיק אָן פון דער שעה, ווען איר האָט אָנגעהויבן אַ ניי־לעבן. אויב מעגלעך פון דערזעלבער מינוט. אויב מעגלעך, אַרבעט נישט 3 שעה פאַר שבת און יום־טוב און 3 שעה נאָך. גרייט זיך פייערלעך צו די שבתים, יום־טובים. רינגלט זיך אַרום מיט זויבערקייט און עסטעטיק. אויב מעגלעך געניסט פון קונסט, טעאַטער. פאַר־ברענגט אין וואַלד, ביים טייך א. א. וו.

8) היט אייך און איבט זיך אין דערפילן אייערע פליכטן אין דער נישט יום־טוב צייט. אין קעגנפאַל וועט אייער פרייד זיין געשטערט.

9) מײדט אויס אַ שלעכטע סביבה. אויב איר קאָנט, לײדט אײַן צו זיך אויף יום־טוב פרײַנט.

10) איבט זיך אין סדר, רײנקײט, רעדן אמת, ערלעך זיך באַציִען צו אַלעמען, נישט צופיל צו רעדן, צו האָבן קאָנטראָל איבער אײער לשון, און העפלעכקײט. דאָס איז נישט לײכט. צעלײגט די אַרבעט אויף אַ לאַנגע צײט טוט יעדן טאָג עפּעס, אַ קלײנעם טריט פאָרויס. אײַלט זיך נישט און פאַרלאַנגט נישט צופיל פון זיך.

11) אויב איר זענט אורטײל־פעיִק, מאַכט יעדן טאָג אַ חשבון פון אײערע האַנדלונגען, משפּט זיך פאַר אײערע מעשים װילאַנג איר זענט שוואַך, זײט צו זיך אַ בעל רחמים. װעט איר זיך שטאַרקן װערט אײער ריכטער.

12) שיצט אײער סימבאָל, רינגלט אים אַרום מיט רעספּעקט, היט אים ער זאָל נישט פאַרשוואַכט װערן, װעט ער אײַך אָפּדינען מיט שטאַרקײט. אַ סימבאָל צאָלט נור צוריק דאָס װאָס מען האָט אײַנגעצאָלט.

13) טוט גאָרנישט מעכאַניש. זעט, אַז איר זאָלט אַלץ איבערלעבן, אַז אײער גאַנץ װעזן זאָל אנטײלנעמען אין אײער אויפבוי־קאַמף.

14) איבט זיך אין מעסטן אײערע האַנדלונגען. אײער נצחון איז אָפּהענגיק פון דעם. אויב איר װעט נישט אײַלן, אויב איר װעט נישט װעלן װערן צו גיך גוט.

15) טראָגט נישט אין זיך קײן כּעס. אויב איר האָט אַן עוולה מוזט איר זי באַזײטיקן. מאַגאַניזירט נישט קײן צאָרן, װײל עס װעט אויפרײסן פיל שטאַרקער. פּרוּװט פאַרשטײן דעם, װאָס האָט אײַך שלעכטס פאַרשאַפן. אַנאַליזירט אַלע סיבות. דריקט נישט אין זיך, נאָר זעט, אַז עס זאָל אַרויס דער כּעס. נאַרט זיך נישט, רעדט זיך נישט אײַן, אַז דאָס געלינגט אײַך. זײט נישט פאַלש מלמד זכות, משפּט ערלעך.

16) באַמיט זיך צו קאָנען זיך און אײער סביבה לערנט זיך קענען אײער כאַראַקטער, פאָרשט זיך און זוכט שטענדיק מיטלען דאָס שלעכטע צו באַזײטיקן, דאָס גוטע־צו באַרײכערן.

17) עלעמענט-סיסטעם. אויב אייך איז שווער צו דעצידירן זיך, טיילט איין יעדן טאָג אויף זיינע באַשטאַנד-טיילן. וואַשן זיך באַשטייט נישט פון בלויז וואַשן, עס נויטיקן זיך פאָרבערייטונגען: אָנגרייטן וואַסער, פייער מאַכן, אויסוואַשן די שיסל, פאַרשאַפן זיך אַ קלאָר האַנטוך, זייף. די פאָרבערייטונגען האָבן אויך אין זיך עלעמענטן. למשל, פייערמאַכן פאָדערט קויפן קוילן, זאַפּלקעס, צעהאַקן האָלץ און קוילן, דערביי מוזט איר זיך דאָך איינשמירן. אויב מען איז ווילנלאָז קאָן מען דעריבער נישט דעצידירן זיך צו וואַשן. אין אַזאַ פאַל דאַרפט איר נישט מאַכן קיין איבונג צו וואַשן זיך, נור איר דעצידירט צום ערשט 1 עלעמענט: איר ברענגט וואַסער. דערנאָך טוט איר דאָס זעלבע מיט אַ צווייטן און דריטן. ווען אַלץ וועט שוין זיין גרייט, וועט זיין לייכט זיך דעצידירן צו וואַשן.

18) דואַליזם. אויב מען איז אורטייל-שוואַך, פאַלט מען אַריין אין אַ דואַליסטישן צושטאַנד. ביי יעדער דעציזיע איז דער „פאַר" אַזוי שטאַרק ווי דער „קעגן" און מען קאָן נישט אַרויס פון בלאָנטער. אנשטאָט פיל צו קלערן, טוט ווי פריער. למשל: איר שטייט אין גאַס און קלערט, גיין אַ היים אָדער צו אַ פריינט? איר קאָנט זיך נישט דעצידירן. איז עס דאָך צוליב דואַליזם, ווייל איר האַלט, אַז די מאָטיוון „פאַר" און „קעגן" וועגן גלייך. אין אַזאַ פאַל דעצידירט זיך, אָן קלערעניש, צו מאַכן 100 טריט אין איין ריכטונג, דערנאָך וועט איר שוין יאָ קאָנען דעצידירן.

19) דאָס נישט קאָנען אורטיילן שטאַמט פון אינערלעכע צעריסנקייט, פון פיליאָריקן ברעכן די געזעצן אין זיך, פון פעלשן די אייגענע אמתן מיט „ע, ס'שאַדט נישט". זייט פאָרזיכטיק! אויב איר ווילט קומען צו זיך, באַקומען דעציזיע-קראַפט ווערט ערליך צו זיך, נאַרט זיך נישט, אַז איר קאָנט זיך אָפּנאַרן! אייער נשמה-לעבן ווערט פאַרוויסט פון יעדן פאַלשן משפטן זיך. פון יעדן מאָל מתיר זיין זיך דאָס, וואָס איז קעגן אייער אינער-קאָנסטיטוציע.

20) שיינקייט באַרויקט דאָס נשמה-לעבן. עסטעטיק איז

סובלימירטער קריג. ווען דער אָרגאַניזם ווערט זאַט און פאַר־זיכערט פון פיזישן אונטערגאַנג, הייבט זיך אָן די געפאַר פאַר דעגענעראַציע. דער שלום איז גורם, אַז די קריגס־קעמערלעך אין אָרגאַניזם זאָלן אונטערגיין. כּדי נישט פאַנאַנדערצולאָזן די אַרמיי, איבן זיך די קעמערלעך אין קאַמף פאַר נייע פאָרמען פון לעבן, זיי עסטעטיזירן דעם יחיד. עסטעטיק איז דעריבער אַ באַהאַלטענע פאָרם פון קריגס־מאַנעווערס. ממילא, אויב מען איבט זיך נישט אין עסטעטיק דאַן, ווען מען פירט נישט קיין מלחמה פאַרן קיום — דעגענערירט מען.

21) ענדערונגען אַלס ווילן־וויטאַמינען. נאָך אַ קלאַפּ, וואָס מען באַקומט פון לעבן דאַרף מען אַלץ טוישן, כּדי קיין שום זאַך זאָל נישט דערמאָנען דערפון. טוישט אָפט אייער סביבה און לעבנס־שטייגער. טראָגט נישט דיזעלבע קליידער לאַנג, שטעלט אָפט איבער די זאַכן אין שטוב, גייט נישט שטענדיק איבער די זעלבע גאַסן, בלייבט נישט שטענדיק אין שטאָט, לאָזט נישט הענגען די זעלבע בילדער אַ לאַנגע צייט, אָדער אויפן זעלבן אָרט. אין אייער רו־טאָג לעבט אַנדערש. אפילו דאָס גיין זאָל זיך אונטערשיידן פון אַן אַרבעטס־טאָג: רויק, דורך אַנדערע גאַסן, שפּאַציר־אַרטיק. זאָל איין יום־טוב נישט זיין זיין ענלעך צום צווייטן.

22) אויב איר קאָנט נישט אויסמיידן טרויער־ערטער, מאַכט ווילן־איבונגען פאַרן גיין דאָרטן און נאָכן צוריקקומען. די ערשטע כּוהנים, וועמענס אויפגאַבע איז געווען, לויט אונזער שיטה, דאָס שטאַרקן דעם ווילן האָבן נישט געטאָרט זיך מטמא זיין צו מתים צוליב דערזעלבער סבה (אגב איז מעגלעך, אַז „כּוהן" שטאַמט פון כּן (יהיה). אפשר האָט מען דאַן כּן אויס־גערעדט קהיין. מעגלעך, אַז די ווערטער „כּה", „הן" שטאַמען פון כּן, קהיין, קויהיין) אַז זינד האָט באַדייט ווילנלאָזיקייט קאָן מען זען פון מקריב זיין קרבנות. אין דער אורצייט האָט ריטערטום באַדייט קאַמף מיט דער חיה. שפּעטער האָט מען דעריבער יעדן, וואָס האָט געזינדיקט, באַשטראָפט מיט ברענגען אַ חיה. מיט העלדן־אַקט האָט מען זיך אויסגעקויפט די זינד.

אין די שפּעטערדיקע תּקופות זענען די קרבּנות געוואָרן אויס העלדנטום, מען האָט שוין אָפּגעקויפט אַ בהמה אופן מאַרק און געבּרענגט דעם כּוהן. דאָס איז די דעגענעראַציע פון דעם ווילן־קולט.

23) דערלאָזט נישט אָפּט צו אַ יורידישן אַקט אין זיך. אויב אין דער געשיכטע איז אַנטשטאַנען אַסצעזיע, נזירות איז עס נאָר דערפאַר, ווייל יענע דורות האָבן נישט פאַרשטאַנען יורי־פּראָצעסן (נזיר איז אַ כּינוי פון וואָרט „נדר" און דאָס לעצ־טע פון „גדר". זעען מיר, אַז נזירים זענען נאָר געווען קרבּנות פון קראַנקהאַפטע יורי). ווי גרויזאַם די קאַטאַסטראָפירטע יורי האָט געווירקט אויפן יידישן לעבן, זאָגט עדות די גאַנצע רעליגיעזע שאַפונג פון תּנ"ך ביזן „קצור שלחן־ערוך". קומט אַ צרה אויף יידן פאַסט מען, מען דערוואַרט דורך תּענית הילף פון הימל. פאַקטיש האָט דער מענטש, וואָס האָט דאָס געשאַפן זיך סאַנק־ציאָנירט, כּדי אַ ל י י ן זיך צו העלפן. ער האָט מיט פיין גע־וואלט משפּיע זיין אויפן נשמה־לעבן. דאָס אָפּזאָגן זיך פון עסן און תּענוגים איז טייל מאָל אַ גוט היילמיטל פאַרן ווילן, ווייל די ע נ ד ע ר ו נ ג אין אָרגאַניזם רופט די אונטערגעדריקטע כּוחות צו אויפשטאַנד, צו שטורם, צו רעוואָלוציע. אין אַ עת צרה איז תּענית אַ גוט מיטל. דאָס איז דער אויסנאַם־צושטאַנד, קריגס־גרייטקייט. ווען מען וויל אָבער זיגן מיט קריגס־גרייטקייט בלויז אָן קריג־איבּונגען דערפירט מען צו קאַטאַסטראָפע. מיידט אויס קריגס־צושטאַנד, ווען איר שטאַרקט נישט אייער ווילן פריער און גרייט זיך נישט צום נצחון און קריג.

שלום־וואָרט

חשובער לעזער!

אויב איר האָט אונז פאַרשטאַנען, וועט אייך לייכט זיין צו העלפן זיך אין אייער קאַמף פאַר אַ שענער לעבן. ווי מיר האָבן באַוויזן איז די גאַנצע קולטור־געשיכטע איין גרויסער און דראַמאַטישער קאַמף פאַר ווילן. אַלץ, וואָס דער מענטש האָט געשאַפן אויפן געביט פון קולטור, האָט געדינט דעם צוועק. ממילא איז קלאָר, אַז אין אונזער קאַמף דאַרף מען געניסן פון דער דערפאַרונג פון די פריערדיקע דורות.

די אויפגאַבע פון פּאָליטישע מעדיצין וועט זיין צונויפצוזאַמלען אַלע מעדיקאַמענטן, וואָס די מענטשהייט האָט געשאַפן פאַר נשמה־היילונג. אַלע פעלקער האָבן אַנטייל גענומען אין דעם העראָישן און טראַגישן קאַמף.

אַלע קולטורן האָבן געשטרעבט אָפּצושטעלן די נשמה־מגפה אין מענטש. שפּעטער האָבן מענטשן פאַרגעסן די מאָטיוון פון די האַנדלונגען און מעכאַניזירט זייערע מעשים און ממילא איז די נשמה־היילונג אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַ דאַנק דעם געפינט זיך די וועלט אין אַ פּאַטאָלאָגישן צושטאַנד. די געשיכטע פון דער מענטשהייט וואָלט אַנדערש אויסגעזען, ווען דאָס נשמה־לעבן פון די פעלקער וואָלט געווען געזונט. אוואַטוריזירטע, קראַנקע פעלקער געבן פון זיך אַרויס אַוואַנטוריסטישע העלדן, וועלכע פירן די וועלט צו דער שחיטה.

דורך היילן דאָס אייגענע נשמה־לעבן העלפט דער יחיד

צום געזונט פון דער פאָלקס-נשמה. פון יעדן איינעם איז אָפּ-העגגיק דאָס גליק פון כּלל.

אויב דער קוואַל פאַר נשמה-היילונג איז פאַרשטאָפּט און פאַרשמוצט געוואָרן, דאַרף מען אים אָפּרייניקן און ווייטער געניסן. אין דער יידישער טראַדיציע, רעליגיע, אַלטע ליטע-ראַטור, מנהגים, יום-טובים זענען דאָ פיל מאַכט-וויטאַמינען. אונזער אויפגאַבע דאַרף זיין אַראָפּצונעמען דעם שימל פון די הונדערטער יאָרן, דאַן וועלן מיר קאָנען געניסן פון לעבעדיקן קוואַל. דאָס, וואָס איז גוט אין נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, איז נישט נאַציאָנאַל נאָר אַלמענטשלעך. יעדע קולטור-שאַפונג, וואָס איז נישט און קאָן נישט זיין אַלמענטשלעך, שטערט דעם פּראָ-גרעס נישט נור פון דער מענטשהייט, נאָר אויך פון דער גע-מיינשאַפט, וואָס האָט עס געשאַפן. אין אַזאַ פאַל דאַרף עס פאַררעכנט ווערן אַלס דעגענעראַציע - סימפּטאָם און נישט אַלס קולטור-ווערט.

מיר רופן דעריבער נישט צוריק צו באָרד און פּאות-יידנטום, נאָר צום קוואַל פון לעבן, צו דער היסטאָרישער טראַ-דיציע פון קאַמף פאַר אויסבעסערונג, פאַר שלימות.

ליידער האָבן מיר נישט געקאָנט, מחמת מאַנגל אין אָרט, געבן דאָ פּראַקטישע פּאָליטישע מעדיצין. אויב אונזער אַרבעט וועט אייך צוהעלפן אין אייער לעבנס-קאַמף, האָבן מיר, אַז אין קורצן וועלן מיר אויך די צווייטע טייל קאָנען פאַרעפנטלעכן